פינפצעהנטער יארגאנג

№ 23

Redakcja ... rękopisów nie zwraca. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljot. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

טשענסטאכאווער [illegible]נג

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek 5 czerwca 1936 — 7.33 ליכט-צינדען — פרייטאג פ' בהעלותך ט"ו סיון תרצ"ו

די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער נישט-פארגעסענער הייס-געליבטער מוטער

פרימעט אשת ר' גרשון ז"ל שווארצבוים

וועלכע איז פארגעקומען זונטאג, דעם 31 מאי (י' סיון תרצ"ו)

דריקען מיר אויס אונזער הארציגסטען דאנק.

זיהן, טעכטער און פאמיליע.

עטופי אבל כבד ויגון קודר מודיעים אנחנו ע"ד האסון הנורא אשר קרה אותנו בהלקח מאתנו באביב ימיו ראש משפחתנו הרבני החסיד המצוין במדותיו התרומיות

ר' פנחס זאב הכהן ז"ל האפלאו

הלויתו התקימה ביום ב' פ' בהעלותך י"ב סיון תרצ"ו.

יחד מביעים אנחנו את תודתנו העמוקה לכל אלה שהשתתפו בצערנו ושנחמו אותנו מיגוננו.

ד' הטוב ישלם שכרם וישכון כל טוב באהליהם.

משפחתו המתאבלת.

צו דער חתונה פון אונזערע פריינד **מאיר ראזענבערג** מיט פרל.

גוטשא אפמאן א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט

ווינשען **פנחס שטייער,**

מיכאל געווערצמאן און וואלף ניימאן.

Z intencji zaręczyn koleżanki mojej FRANI PACANOWSKIEJ z p. MAJEREM SZCZEKACZEM dużo szczęścia i zadowolenia życzy

SALA BORENSZTAJN

Z intencji zaręczyn współpracowniczki p. FRANI PACANOWSKIEJ z p. MAJEREM SZCZEKACZEM życzę dużo szczęścia, radości i pomyślnej przyszłości

RÓZIA KOLINÓWNA

ב"ה. בזה הננו מברכים ברכת מז"ט לחברנו היקר הבר לועד פא"י בצינסטוכובה

מר **קופל** נ"י **איזיקוביץ** לנשואיו אם בחירת לבו מרת **פרידל לקס** שתחי',

יה"ר שתורה וגדולה יתאחדו על שולחנכם.

ראובן זקס, שלמה לעוי, בצלאל בעסער.

ב"ה. ברכת מזל-טוב חמה ונלבבה אנו שולחים לחברנו היקר מר **קופל** נ"י **איזיקוביץ**

לנשואיו את העלמה מרת **פרידל** תחי' **לקס**

יה"ר שתזכו לבנות ביתכם ברוח התורה והמסורה על הרי ציון וירושלים בקרוב

יהודה לייב איצקוביץ, מנחם כהן, יוסף בומץ, אברהם לינצפעלד

ברכת מז"ט **לקופל** נ"י **איזיקוביץ** לנשואיו

מברך **אהרן יוסטמן**

Pensjonat F. MRÓWKOWEJ

w KAMIŃSKU

WILLA „ROZALJA"

poleca jasne słoneczne pokoje.
Wykwintna obfita rytualna kuchnia.

Szkoła im. Z. Wajnsztokówny

organizuje w bież. roku szkolnym znowu kolonje letnie pod osobistem kierownictwem p. Leona Wajnsztoka. Kolonje mieszczą się pod Piotrkowem we Włodzimierzowie, znanem uzdrowisku. Piękny i suchy las. Dom murowany w zdrowem miejscu, duże, słoneczne pokoje. Werandy. Rzeka Plaża. Pożywienie smaczne i zdrowe — 5 razy dziennie — przeważnie jarskie. Opieka staranna. Siły fachowe i pedagogiczne starannie dobrane. Ewentualna pomoc w nauce 2 lekarze na miejscu. Apteka Poczta, telefon i posterunek policyjny. Opłata przystępna. Informacje w szkole, Aleja 20. Ilość miejsc ograniczona.

Naszej długoletniej członkini Zarządu p. KAPŁANOWEJ i dzieciom wyrażamy nasz głęboki żal i szczere współczucie z powodu przedwczesnej śmierci Ich Męża i Ojca

b. p. PINCHOSA KAPŁANA

W pracy społecznej niechaj znajdzie pociechę.

Zarząd Koła Kobiet Żydowskich „EZRA"

מקרב לב משתתפים אנחנו בצערם העמוק של **משפחת קפלן** וביחוד בצערו הגדול של ידידנו מר **משה קפלן** בהלקח מאתם עטרת ראשם

ר' פנחס זאב הכהן ז"ל קפלן

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ולא תוסיפו לדאבה עוד.

האחים יהודה לייב ואברהם פויגעל.

נמפעים ונדהמים על הלקח מאתנו חותני זקני ומחותננו

פנחס הכהן ז"ל קפלן

אנו לוקחים חבל בהשתתפותנו בצערם הגדול של כל המשפחה שנתיתמה.

ישלם ה' להם נחומים ולא יוספו לדאבה עוד.

חתנו **דוד** ונכדו **אמנון יצחק בלכשטין**, תל-אביב (א"י).

מחותן **יוסף ואשתו וב"ב בלכשטין**, צינסטוחוב.

מיין פריינד **אלתר שווארצבוים**

צוליעב'ן טויט פון זיין אונפארגעסליכער מוטער

פרימעט נ"ע

דריק איך אויס מיין טיעפסטען מיטגעפיהל

רעגינא זעליגמאן

מיין פריינד און חבר **משה שייקאוויטש**

צום טויט פון זיין ליעבען פאטער

שמואל יעקב נ"ע

דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

בצלאל וואלבערג.

לחברנו היקר **משה שיקוביץ**

אנו מביעים את צערנו העמוק למות עליו

אביו נ"ע

המקום ינחם אותך

ע. יאקובאוויטש, א. לענטשנער, דוב ליבערמאן.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינגס - סעזאן!

13 גר. קאסט קראגענס מיט לאנג - דויערענדען שפיגעל-גלאנץ 50 גר. קאסט א העמד

אויך נעמען מיר אן כעמיש צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.

ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע-קורטקעס

2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט

Feli, Mońkowi oraz Abramowi

z powodu zgonu Ich Ojca

b. p. Pinchosa Kapłana

wyrazy szczerego współczucia składają

Renia i Izaak Wajnman.

Wyrazy szczerego współczucia **Abramkowi Kapłanowi** z powodu zgonu Jego

b. p. OJCA

składają **Koleżanki i koledzy.**

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער **פאמיליע קאפלאן** צום טויט פון זייער ליעבען מאן און פאטער

פנחס נ"ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

אברהם בארזשיקאווסקי און פרוי.

Kierownictwo

GIMNAZJUM i SZKOŁY POWSZECHNEJ TOW. ŻYDOWSKICH SZKÓŁ ŚREDNICH I POWSZECHNYCH

w Częstochowie, Dąbrowskiego 7. Tel. 11-58.

podaje do wiadomości, że kancelarja zakładów przyjmuje zapisy nowowstępujących uczniów (uczenic) codziennie między godz. 9—1 przed poł. i 5—7 po poł.

W klasie I gimn. nowego typu będzie wprowadzona w roku szkolnym 1936-7 nauka języka angielskiego, jako przedmiotu obowiązkowego, oraz nadobowiązkowa nauka jęz. niemieckiego. Egzaminy wstępne odbędą się w poniedziałek dn. 22 czerwca rb.

Kierownictwo

Prywatnej Koedukacyjnej 7-mio klasowej Szkoły Powszechnej Mgr. T. Wajnberżanki

w Częstochowie, I Aleja 8

zawiadamia, że kancelarja szkoły przyjmuje codziennie zapisy uczniów i uczenic w godz. 9—1 przed poł. i 3—5 po poł.

Nauka wszystkich przedmiotów dobrze postawiona, hebrajski w dużym zakresie.

UWAGA: Szkoła przyjmuje zapisy na specjalny kurs, przygotowujący ze wszystkich przedmiotów wraz z hebrajskim do I klasy gimnazjalnej nowego typu.

Lekarz - Dentysta D. GLIKSON w Wieluniu

przeprowadził się z ulicy Śląskiej

na ul. Narutowicza (Fabryczna) 6.

Przy gabinecie urządzona pracownia sztucznego uzębienia

Najnowsza technika — Ceny zniżone

Z powodu zgonu kochanego kuzyna naszego

b. p. ARONA KRZEPICKIEGO

wyrażamy najszczersze współczucie

Sala Szaja-Borensztajn

Lajzer Szaja, Antwerpja.

אונזער טיעפסטען צער און מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער **פאמיליע שייקאוויטש** אין טשענסטאכאוו צוליעב'ן טויט פון זייער מאן און פאטער, אונזער ליעבער פעטער

שמואל יעקב שייקאוויטש

איידעל און רויזא שייקאוויטש, ווילון

פריינדין **פאלא** ווייערושאוו!

מיר זענען טיעף ערשיטערט און נידערגעשלאגען פון גרויסען אומגליק, וואס האט דיך געטראפען מיט'ן פריהצייטיגען פלוצלינגען טויט פון דיין מאן

לייב גוראבאווסקי נ"ע

זאל דיך גאט טרייסטען.

רעניא און יוסף שאיא ווילון

פּזשיטיק...

נישט וועגען חורבן, וואס דאָרט איז פּאַרגעקומען, איז דא די רייד. אויך נישט וועגען די קדושים, וואָס זענען דאָרט געפאַלען, וויל איך איצט רעדען, נאָר וועגען דער מעטאָדע, ווי אזוי אַזעלכע פּשיטיק'ס ווערען בעלויכטען דורך דער עפּענטליכקייט—פערשטעהט זיך, דורך דער ענדעקישער עפּענטליכקייט.

יודען האבען פּראָוואָצירט. די כוּליגאַנישע ענדעקעס זענען דאָ גאָר גאָט די נשמה שולדיג, אלא וואס דען—די יודען, אָט די דאָזיגע פערשאָלטענע יודען, וועלכע טשעפּען אונשולדיגע קריסטליכע דורכגעהער און בענוצען צו זיי אפילו געוועהר, האבען מיט זייער פּראָוואָקאַציע ארויסגערופען די געשעהענישען.

ליידער איז דאס נישט קיין פעראיינצעלטער פאַל, דאס איז שוין אזא מעטאָדע, וואס איז אזוי אַלט ווי דער אנטיסעמיטיזם גופא; שטענדיג האט מען געהערט דאס דאָזיגע ליעדעל. עס איז אויך נישט קיין אָריגינעל ענדעקישע ענטדעקונג. נאָך די צאַרישע פּאַגראָמטשיקעס האבען, כּדי זיך גערעכט צו מאכען פאַר אויפלאַנד, ערקלערט, אז די יודען מאַכען אויף זיך אַליין פּאַגראָמען...

אויפ'ן פּשיטיקער פּראָצעס זענען אויך פערהאַנען 14 בעשולדיגטע יודען און דער בעשולדיגונגס-אַקט דערצעהלט נישט, אז אָט די דאָזיגע יודען האבען זיך פערוּבּט פערטיידיגען פון די כוליגאַנישע אַנפאַלען, גאָר אז זיי זענען גאָר אַנגעפאַלען אויף די פּויערים.

מילא, דער אמת פון דער דאָזיגער בעשולדיגונג וועט זיך ארויסווייזען אויפ'ן פּראָצעס, וואס קומט איצט פאַר אין ראַדאָם. עס האַנדעלט זיך אַבער וועגען דער איינגעשטעלטער מעטאָדע, וואס ווערט בענוצט דורך פערשידענע און זאָגאָר דורך די געהעריגע אינסטאַנצען, וועלכע זענען פעראַנטוואָרטליך פאַר דער רוּהע און אָרדנונג אין לאַנד און קרייז.

וויפיעל מאָל האבען שוין יודישע דעלעגאַציעס, בעת זיי זענען געגאַנגען אינטערווענירען וועגען כוליגאַנישע אַנפאַלען אויף יודען, געהערט דעם ענטפער: „אַז יודען זאָלען נישט פּראָוואָצירען". און ווען די יודישע דעלעגאַציע האט אויפגעשטעלט מויל און אויערען און אָנגעפרעגט, וואס מען מיינט מיט דער דאָזיגער נישט-פערשטענדליכער אַנצוהערעניש, האט דער סטאַראָסטאַ אָדער פּאָליציי-קאָמענדאַנט געגעבען צו פערשטעהן, אַז אויב ס'הערשען אונרוהיגע צייטען, דאַרפען זיך די יודען נישט וואַרפען צופיעל אין די אויגען, ד. ה. אַז זיי דאַרפען נישט האנדלען, אויפ'ן גאס נישט שפּאַצירען, מען דאַרף זיי איבערהויפּט נישט זעהען...

אַט דאס איז די טראַגעדיע. פּשיטיק איז נאָר אין דעם פאַל אַ סימבאָל. אויב א מחנה פּויערים, אונטערגעהעצט פון די ענדעקעס, וואַרפען זיך אויף די יודישע איינוואוינער, טאָרען זיך די לעצטע נישט פערטיידיגען, נאָר אָדער זיך בעהאַלטען, ווי די טרוּסען, אָדער זיך לאָזען גוטוויליג אויסשטעכען. יאָ, דאַמאָלס וואָלט מען אפשר נישט געקאָנט זאָגען, אַז יודען פּראָוואָצירען, און אפשר וואָלט דאַמאָלס זיך אויך געפונען אַן'אַנדערער אויסרייד.

סיי-ווי, אזוי זעהט אויס אונזער לאַגע. ווייניג, וואס מיר לעבען שטענדיג אונטער'ן פּחד בעפאַלען צו ווערען פון ערשטען גאַסען-כוליגאַן, מוּז מען נאָך זיין אזוי „טאַקטיש", אַז מען זאָל אונז נישט קאָנען פאַרוואַרפען, אַז דערין, וואס דער כוליגאַן בעפאַלט אונז, זענען מיר גאָר שולדיג, ווארום, ווען מיר וואָלטען נישט געגאַנגען אין גאַס, וואָלט ער דאָך נישט געהאַט וועמען צו שלאָגען, אויב מיר געהען יאָ — הייסט דאס, אַז מיר פּראָוואָצירען דאס געשלעג און מיר זענען גאָר די שולדיגע...

דאס איז די טראַגעדיע פּשיטיק.

ש. פ.

צו דער בענייאונג פון פּעדאַגאָגישען זשורנאַל „דאס קינד".

אויף דער לעצטער זיצונג פון פּערבאַנד פון געזעלשאַפטען פאַר קינדער-שוּץ און יתומים-פערזאָרגונג „צענטאָס" אין פּוילען איז בעשלאָסען געוואָרען, אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אָפּפאָהר פון פריינד לעווינסאָן קיין א"י, צו רעאָרגאַניזירען דעם פּעדאַגאָגישען זשורנאַל „דאס קינד". לויט'ן מוסטער פון די מערב-אייראָפּעאישע זשורנאַלען וועט „דאס קינד" פון סעפּטעמבער (ווזשעשוּען) 1936 אָן ערשיינען אין 10 נומערן א יאָהר, רעגולער יעדען חודש א נומער, נישט רעכנענדיג די צוויי זומער-חדשים, ווען „דאס קינד", ווי אַלע פּעדאַגאָגישע צייטשריפטען, וועט נישט טעטיג זיין.

דאס קינד וועט זיך הויפּטזעכליך ווידמען די דערציהונג פון יודישען קינד אין היים, אין שולע, אין אינטערנאַט און בּמילא ווערט דער זשורנאַל א נויטווענדיגעס האַנד ביכעל פאַר יעדער מוטער, פאַר יעדען לעהרער און פאַר יעדען אינטערנאַט דערציהער.

צו דער רעדאַקציע-אַרבייט זענען צוגעצויגען געוואָרען א גאַנצע רייהע יונגע און ערפאַהרענע פּעדאַגאָגען-פּראַקטיקער און טעאָרעטיקער, וועלכע האבען זיך שוין אין דער יודיש פּוילישער פּעדאַגאָגישער וועלט קונה שם געווען מיט זייערע ערנסטע אַרבייטען. ס'האבען אויך פערשפּראָכען זייער בעטייליגונג בעוואוּסטע קינדער-שוּץ עסקנים אין לאַנד און אויסלאַנד.

דער אויסערליכער אויסזעהן פון נומער איז פיעל פערשענערט געוואָרען, דער פאָרמאַט—פערגרעסערט געוואָרען און דער פּרייז בּיליגער געוואָרען; אינגאַנצען 40 גראָשען א נומער און אין אַבאָנאַמענט'ס פּרייז נישט מעהר ווי 3 זל. א יאָהר. שוין דער אין דער רעדאַקציע ערהאַלטענער ערשטער נומער מאַכט א זעהר גוטען איינדרוק.

אין ערשטען אַרטיקעל רעדט אַרום א. גאָלדין די אַלזייטיגע טעטיגקייט פון דר. בּערנאַרד כהן אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין 60-יעהריגען געבּורטס-טאָג. דר. מ. פּעקער ווייזט אויף די נויטווענדיגקייט פון קינדער-היימען און זייערע ערציהערישע מעלות. אַל. איינדעלמאַן שטרייכט אונטער די טראַגעדיע פון הייגטיגען קינד, וועלכע קען נישט געפינען אַליין די נויטיגע לעבענס-סינטעזע, ווייס נישט ווי אזוי צו האַרמאָניזירען די צוויי אָבגעזונדערטע ערציהונגס-סיסטעמען פון פאַמיליען-שטוב און שולע. א. סקאַלקא גיט א טרעפליכע כאַראַקטעריסטיק פון נערוועזע עלטערן און קלערט אויף זייער שעדליכע ווירקונג אויף דער ערציהונג פון קינד. וו. דערלאַכטער דערצעהלט וועגען זיינע אָבסערוואַציעס פון דעם קינדערישען-שלאָף-צימער. קלמן ליס גיט א היסטאָרישען איבערבליק איבער די מעטאָדען פון ערציהען ספּעציעל שווערע און אַנאָרמאַלע קינדער. דר. ק. לעוו בעווייזט ווי גרינג מען קען קינדער אָבגעוואוינען פון נאַשען. צום סוף קומען נאָך רעצענזיעס, צענטאָס-בעריכטען און קולטור-פּעדאַגאָגישע כראָניק.

די דאָזיגע צייטשריפט קען מען מיט א רוּהיג געוויסען רעקאָמענדירען אונזערע עלטערן, לעהרער, ערציהער און קינדער-שוּץ-עסקנים.

דער היינטיגער מאַי-נומער איז א פּראָפּאַגאַנדע-נומער און איז ברייט קאָלפּאָרטירט געוואָרען. די וועלכע ווילען ווערען אַבאָנענטען פון „דאָס קינד" דאַרפען אריינשיקען 3 זלאָטעס אויף א גאַנץ יאָהר 1.75 אויף אַ האַלב יאָהר אויף דער פּ. ק. אָ.

פאַר אויסלאַנד איז דער אַבאָנענטס-פּרייז 1 דאָלאַר א יאָהר.

דער אַדרעס פאַר קאָרעספּאָנדענץ איז, וואַרשא, נאָוואָליפּקי 27 וו. 19.

דער אַדרעס פאַר געלד-איבערווייזונגען אין פּ. ק. אָ. איז:
Związek Towarzystw Opieki nad Sierotami Żydowskiemi Rzeczypospolitej Polskiej Warszawa
16852

פייערליכע טרויער-אזכּרות צו די שלושים פון הרב ר' נחום אש ז"ל.

לויט דער איניציאַטיווע פון שוהל און בית המדרש גבאים איז געשאַפען געוואָרען א טרויער-קאָמיטעט, וואס האט זיך געשטעלט פאַר אַן'אויפגאַבּע צו בעעהרען ווי געהעריג דעם אָנדענק פון היגען רב ז"ל.

צום קאָמיטעט — אויסער די שוהל און בית-המדרש-גבאים — געהערען די פּרעזעסען פון קהלה-ראַט און פערוואַלטונג א.א.

דאָנערשטאַג, כ"א סיון 5 א זייגער נאָכמיטאַג, קומט פאַר אין דער שטאָדט-שוהל א פייערליכע אַקאַדעמיע מיט'ן אָנטייל פון פרעמדע רבנים און צו דעם צוועק איינגעלאַדענעם חזן און כאָר.

נאָך דער אזכּרה אין דער שוהל וועט פאָרקומען אויך אַן'אזכּרה אין בית-המדרש, וואוּ ס'וועט אויך גערעדט ווערען וועגען דער פּערזענליכקייט פון נפטר.

דער קאָמיטעט גיט ארויס א ספּעציעלע גרעסערע טרויער-אויסגאַבע א.ג. „אבל-נחום" געווידמעט דעם רב ז"ל, וועלכע וועט ענטהאַלטען א גאַנצע רייהע אָבּהאַנדלונגען וועגען לעבען און טעטיגקייט פון נפטר.

אויף די אַקאַדעמיעס וועלען אריינגעלאָזט ווערען נאָר געגען איינטריטס-קאַרטען, וועלכע וועלען ארויסגעגעבען ווערען אין דער קהלה-קאַנצעלאַריע אומזיסט, אָנהויבענדיג פון זונטאַג, דעם 7-טען ד. ח.

אָהן איינטריטס-קאַרטע וועט קיינער נישט אריינגעלאָזט ווערען.

„וואָך פון קינד".

אין די טעג פון 14 ביז'ן 21 ד. ח. וועט אין טשענסטאָכאָוו פאָרקומען די „וואָך פון קינד". דער פּראָגראַם זעהט פאָר א גאַנצע רייהע אימפּרעזען, פון וועלכע די הכנסה איז בעשטימט אויף די קאָלאָניעס און האַלבּ קאָלאָניעס פאַר אָרימע קינדער.

אין דער שפּיץ פון'ם אויספיהר-קאָמיטעט שטעהט וויצע-פּרעזידענט הענשעל. אינ'ם עהרען-פּרעזידיום און קאָמיטעט זענען צווישען אנדערע געוואָרען געוועהלט: סטאַראָסטאַ ראַגאָווסקי און זיין פרוי, פּרעזידענט מאָמאַל און פרוי פון סענאַטאָר זביערסקי.

proszki od BÓLU GŁOWY „KOWALSKINA"
dla dorosłych
Fabr. Chem.-Farm. Ap. Kowalski

קאָנגרעסען.

הימעל, ערד און קאָנגרעסען.

נישט ווייניג צרות און קלאָפּאָטען פערשאַפען אונז די דאָזיגע קאָנגרעסען, וועלכע האבען זיך ווי א מבול אראָפּגעלאָזט אויף אונזערע קעפּ.

נישט וועגען די פערשידענע קאָנגרעסען, וועלכע קומען לעצטענס פאַר אין דער נישט-יודישער גאַס וויל איך איצט רעדען, כאָטש אויך די דאָזיגע קאָנגרעסען האבען געהאַט צו אונז א שייכות. דעם בעסטען בעוויז האָבען מיר געהאַט ביים לעצטען סטודענטען-קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין טשענסטאָכאָוו. אָה, אַ סך יודען וועלען געדענקען אָט דעם קאָנגרעס... נאָר אויב איך וויל איצט אַ שמועס טהון וועגען קאָנגרעסען, איז עס וועגען אונזערע היימישע קאָנגרעסען, וועלכע זענען נאָר-וואָס פאָרגעקומען און וועלען ערשט פאָרקומען אין אונזער יודיש וועלטעל.

ואלה הם:

קאָנגרעס נומער 1: דער 5-טער האַנדווערקער-קאָנגרעס, וועלכער איז די וואָך אָבגעהאַלטען געוואָרען אין וואַרשא. קאָנגרעסען נומער 2—3: וועגען קאַמף מיט'ן אַנטיסעמיטיזם, איינגעאָרדענט דורך די בעזונדערע יודישע אַרבייטער-פּאַרטייען, און קאָנגרעס נומער 4, וואָס קלינגט אַזוי שעהן און רופט זיך — יודישער וועלט-קאָנגרעס.

קאָנגרעס נומער 1.

דער „עמך", דער פּראָדוקטיווער עלעמענט פון די יודישע פאָלקס-מאַסען, געפינט זיך לעצטענס אין אַ קלאָגדיגען מצב, הן עקאָנאָמיש הן גייסטיג. עקאָנאָמיש ווערען זיי אונטערדריקט צוליעב דער אַנטיסעמיטישער שטימונג, וואָס הערשט אין פּוילען און ווערט וואס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און גרעסער און דרינגט אפילוּ אַריין אויך אין די האַנדווערקער-קאַמערען, וואס העלפען מיט אַרויסרייסען דאס שטיקעל ברויט פון די דאָזיגע האַראָפּאַשנע מאַסען. און גייסטיג זענען זיי לעצטענס אָבגעשוואַכט צוליעב די חלוקי דעות, וואס האבען זיך לעצטענס אַריינגעריסען אין דער דאָזיגער אַפּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. דאָן ענגט דאָרט ווי אַ געשפּענס דער נאָמען ראַסנער. פּערהאַנען אַזעלכע, און דאס א גרויסע צאָהל, וועלכע האַלטען, אַז טראָץ די חסרונות, וואס ראַסנער האט (און גראָד אין אַ גרויסער מאָס), איז ער אָבער פּאָרט נוּצליך פאַר דער אָרגאַניזאַציע און האָט אויך אַ סך פערדינסטען פאַר דער מעכטיגער האַנדווערקער-בעוועגונג.

נו, נו, איז ענדליך פאָרגעקומען דער קאָנגרעס, אויף וועלכען מען האט זיך זיך טאַקי אַרום דעם ענין-ראַסנער געגענזייטיג מכבד געווען מיט עפּיטעטען און דער רעזולטאַט? וואס האבען זיי מחדש געווען? נו, יאָ, דאס וואס אויף אַלע קאָנגרעסען... מען איז זיך צונויפגעפאָהרען, מען האט זיך אָראָבּגערעדט פון האַרצען (נישט יעדער, וואס האַלט זיך פאַר אַ רעדנער, האט די זכיה געהאַט צו רעדען) און מען איז זיך צופאָהרען אַהיים.

צו די לאַגע פון די יודישע האַנדווערקער-מאַסען אין פּוילען וועט נאָך דעם קאָנגרעס זיך פערבעסערען, וועט בעווייזען דער 6-טער האַנדווערקער-קאָנגרעס, וועלכער וועט פאָרקומען אין עטליכע יאָהר אַרום...

קאָנגרעס נומער 2—3.

פּאַקטיש האָט געדאַרפט זיין איין קאָנגרעס, צונויפגערופען דורך אַלע יודישע אָרגאַניזירטע אַרבייטער-מאַסען, כדי צו פּראָטעסטירען געגען דער ווילד-דער אַנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע, וועלכע בושעוועט אין לאַנד. ווי בעוואוּסט פיהרט זיך ביי אונז אין פּוילען אַ קאָנקורענץ-קאַמף צווישען די רעכטע „פּועלי ציון" מיט'ן „בּונד"; די פּ. צ. ווילען ארויסנעמען ביים „בּונד" די הערעמאָניע, וואס ער האט איבער די יודישע אַרבייטער. איז דורכ'ן „בּונד" ערקלערט געוואָרען דעם 17-טען מערץ אַ פּראָטעסט-שטרייק געגען מעשה-פּשיטיק א. ד. גל. האבען באַלד די רעכטע פּ. צ. ערקלערט, אַז דעם פּראָטעסט-שטרייק האבען זיי גאָר פּראָקלאַמירט, אלא וואס דען — דער „בּונד" האט זיי דאס אויסגעכאַפּט... אויך ביים צוזאַמענרופען דעם קאָנגרעס צום קאַמף מיט'ן אַנטיסעמיטיזם, טענה'ן די פּ. צ., אַז דאס איז זייערס אַן'ערפינדונג, אלא וואס דען — דער טריפה'נער „בּונד" וויל איינרעדען דעם עולם, אַז דאס האבען זיי גאָר אָרגאַניזירט.

איך וויל יעצט נישט משפּט'ן ווער פון די צוויי פּאַרטייען עס איז גערעכט, איך וויל גאָר פעסטשטעלען אַ פאַקט, אַז די יודישע אַרבייטער אין פּוילען אָרגאַניזירען אנשטאט איינעם — צוויי קאָנגרעסען. ס'פערשטעהט זיך דאָך, אַז יעדער צד וויל בעווייזען, אַז ער בעזיצט מעהר אַנהענגער, ווי דער צווייטער. האט דער „בּונד" אַרויסגעלאָזט קאָנגרעס-צעטלען צו 10 גראָשען אַ שטיק, וואס גיט דאס רעכט צו וועהלען, האבען די פּ. צ. אַרויסגעלאָזט עהנליכע צעטלען צו 5 גראָשען אַ שטיק, ווענדט זיך איצט נאָר, ווער פון די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס וועט האבען מעהר געלד צו דעקען פאַר אַזעלכע צעטלען, און זיי וועלען קענען צוזאַמענשטעלען מעהר דעלעגאַטען אויפ'ן קאָנגרעס...

דער קאַמף געגען אַנטיסעמיטיזם דאַרף לכל הפּחות דורך די יודישע אַרבייטער ווערען געפיהרט מיט געמיינזאַמע כחות, זענען מיר דאָך אָבער יודען, זאָגט עס הויך און שאַרף: יודען!— וועט אנשטאט איין קאָנגרעס פאָרקומען צוויי קאָנגרעסען.

דער רעזולטאַט? כאַפּט נישט, איהר האט צייט...

קאָנקורס נומער 4.

די יודישע לאַגע איז נישט-פּויגעלדיג בלויז אין פּוילען, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט. איבעראַל, וואוּ יודען וואוינען, רוקען זיך אָן שוואַרצע כמאָרעס; אין אַלע צרות, וואָס קומען ערגיץ פאָר, בעשולדיגט מען די יודען, מאַכט מען זיי פאַר'ן שעיר לעזאזל. זאָגאָר אין די פרייע לענדער, דאָרט וואוּ דעמאָקראַטיע איז דער פּרינציפּ פון מלוכה לעבען, גרינדען זיך אויך נעסטען פון שוואַרצע קראָהען, וועלכע ווילען אונז פערניכטען.

די אַנטיסעמיטען שרעקען דעם עולם מיט אַן'אַנאָנימער מלוכה, מיט זקני ציון און געהיימע כחות, אינדערצייט, ווען מיר זענען צווישען זיך צושפּליטערט און צוריסען אויף טויזענדער דעות און מיינונגען. נאָר — גאָרנישט. אונזערע שונאים ווילען דאָך דער וועלט דאס נישט דערצעהלען. פאַר זייער גיפט-מישעריי לוינט בעסער פאָרצושטעלען דאס יודישע פאָלק אַלס אַ געהיימער כח. הקיצור, ס'איז דערינבער געבוירען געוואָרען דער געדאַנק ביי פּראָמינענטע יודישע פּערזענליכקייטען וועגען צונויפרופען אַן'אַלוועלטליכען יודישען קאָנגרעס, וואוּ מען זאָל זיך בעראַטען: מה לעשות?

עס זאָגט זיך אָבער לייכטער, ווי ס'טהוט זיך. ווארום, אויב מען דאַרף האבען די קאָנסאָלידאַציע פון די יודען פון איין לאַנד — וואס רעד איך — אויב מען וויל, אַז די יודען פון איין שטאָדט אָדער שטעדטיל זאָלען געמיינזאַם האַנדלען ביי אַ געוויסען ענין, קומט עס אָן כקריעת ים סוף, און 99 מאָל פון הונדערט געלונגט עס נישט, טאָ זיי אַ בריה און מאַך, אַז דאס גאַנצע 17 מיליאָניגע פאָלק זאָל מסכים זיין אויף איין דעקלאַראַציע און איין אידעע!

זאָגען טאַקי די אַסימילאַטאָרען, די אַזוי-גערופענע יאהודים פון אַלע לענדער: ניין, זיי וועלען נישט געהן. די „אגודה" שטאַמעלט און צום סוף זאָגט זי „לא" מיט א „פּזר". וועגען די לינקע איז דאָך נישט דאָ וואס צו רעדען און אפילו מיט די, וועלכע זענען יאָ מסכים, איז אויך נאָך נישט אינגאַנצען אין אָרדנונג.

איצט, רבותי, זענט איהר דאָך מסתמא נייגעריג, ווי אזוי עס וועט אויסזעהען און וואס פאַרע ישועות דער דאָזיגער וועלט-קאָנגרעס וועט ברענגען פאַר'ן יודישען פאָלק, קאָן איך אייך זאָגען, אַז — אָבער צו וואָס זאָגען נביאות, אַז „מעמער לעבען, וועמער זעהען"...

דאָן קומען אויך פאַר קליינע קאָנגרעסלעך. אַ קאָנגרעס פון קצבים, וועלכע מען האט דן-געווען לשחיטה; פון בעקער, וועלכע מען האט אָדער מען וויל מאַכען „בייט", און נאָך אַזעלכע ענליכע קאָנגרעסען.

וואס די דאָזיגע קאָנגרעסען העלפען ווייסט איהר דאָך שוין. זיי האָבען נאָר איין פּעולה: עס איז אַ „רוף וו'אינטערעשע", די באָהן לייזט דערוויל אַ סך געלד.

אַזוי זעהט אויס מיט די יודישע קאָנגרעסען.

סמאַל.

די אינקוויזיציע אין פארטוגאל.

זי איז אייגעפיהרט געווארען מיט 400 יאהר צוריק דורך דער ווירקונג פון דייטשען קייזער.

פון היסטאריקוס.

מיר האבען זיך איצט דערמאנט אין גאר א טרויעריגען דאטום פון דער געשיכטע. עס איז געווארען פונקט 400 יאהר זינט מען האט ענדגילטיג איינגעפיהרט די אינקוויזיציע אין פארטוגאל, און זי איז דארט געווען נאך שרעקליכער ווי אין שפאניען. דאס איז געשעהען דעם 23-טען מאי 1536.

די מעשים פון דער אינקוויזיציע אין פארטוגאל זענען גוט בעקאנט אבער פיעל ווייניגער איז בעקאנט, אז א קייזער פון דייטשלאנד, קארל, אדער שארל, דער פינפטער, וועלכער איז אויך געווען קעניג פון שפאניען, איז אממייסטענס געווען פעראנטווארטליך פאר איינפיהרען די אינקוויזיציע אין אויבענדערמאנטען לאנד.

פארטוגאל איז ארום יענער צייט געווען פול מאראנעס, מיט פערבארגענע יודען, וועלכע האבען אין דער עפענטליכקייט זיך געשמד'ט, און געזאגט, אז זיי זענען קריסטען. צו דער שמד האט מען פערשטעהט זיך זיי געצוואונגען, און זיי האבען אויך נעמיינט, דאס דורך דער כלומרשטער שמד וועלען זיי פטור ווערען פון די שרעקליכע פערפאלגונגען און פון דעם צעיושעטען האס פון דעם אויפגערייצטען און אויפגעהעצטען המון.

דער עפענטליכער שמד איז אבער נישט געווען גענוג פאר די קאטוילישע פאנאטיקער. זיי האבען געוואלט, אז די יודען זאלען טאקי זיין אינערליך פרומע קריסטען. זיי האבען דערפאר געפאדערט, מען זאל איינפיהרען אין פארטוגאל די אינקוויזיציע און מען זאל משפט'ען די פערדעכטיגע מאראנען און פערברענען אויף דער אויטא דע פע די יעניגע, וואס מען וועט געפונען שולדיג אין נישט זיין שטרענגע קריסטען. דער קעניגליכער הויף פון ליסאבאן איז צוערשט געווען געגען דער אינקוויזיציע, אבער ווען קעניג דזשאן דער דריטער איז געקומען צו דער מאכט האט ער אין דעצעמבער 1521 בעקומען פון פאפסט קלעמענס דער 7 טער די צושטימונג איינצופיהרען די אינקוויזיציע אין פארטוגאל.

די מאראנאס, וועלכע האבען זעהר ענטשלאסען געווירקט געגען איינפיהרען די אינקוויזיציע פאר א לאנגער צייט, זיי זענען נאך דאמאלס געווען רייך און איינפלוסרייך, און זיי האבען ווידער זיך אנגעשטרענגט, הן דורך דער ווירקונג פון פריינד אין לאנד גופא, הן דורך שיקען מתנות צו דעם פאפסטליכען הויף, אז די אינקוויזיציע אין פארטוגאל זאל דאך נישט פונקציאנירען. דאס איז זיי אויך געלונגען אויסצופיהרען, אבער נישט אויף זעהר לאנג.

אין 1534 איז געווארען פאפסט אלעקסאנדער פארנעס, וועלכער האט אלס פאפסט געהייסען פאול דער דריטער. ער איז גראד געווען אנ'אדעלמאן. ער האט געשטאמט פון דער בעריהמטער אריסטאקראטישער פאמיליע פון פארמא, פארנעס, פון וועלכער ס'איז אויך געבליבען א שעהנער פאלאץ אין רוים.

דער דאזיגער פאפסט איז געווען אין תוך א גוטער מענש, אבער נישט קיין פעסטער כאראקטער. ער איז, איידער ער איז געווארען פאפסט, געווען א וועלט-מענש; ער האט זאגאר געהאט אונגעזעצליכע קינדער. זיין בעציהונג איז אין אנפאנג געווען גאר א מענשליכע, אבער ער איז נישט געבליבען פעסט ביי איהר.

אין אנפאנג האט דער פאפסט פאול דער דריטער זאגאר גענומען די מאראנען אונטער זיין שוץ. ער האט ארויסגעגעבען א „בילע" (פאפסטליכען בעפעהל) אין 1535, וואס האט בעשיצט די מאראנען געגען יעדער בעשטראפונג מצד קאטוילישע גייסטליכע פאר אפיקורסות. אבער גלייך דערנאך האט דער קייזער טשארל דער פינפטער, וועלכער איז געווען קייזער פון היילינגען רוימישען רייך מיט דייטשלאנד אלס הויפט באזיס, און קעניג פון שפאניען, געווירקט אויף דעם פאפסט, דאס ער זאל ענדערען זיין שטעלונג.

דער דאזיגער קייזער איז געווען אנ'אייניקעל, פון מוטערס צד, פון די טרויעריג בעריהמטע פערדינאנד און איזאבעלא, און ער האט געהאט אין זיינע אדערען זייער בייז בלוט. זייענדיג דערצו קייזער פון דייטשלאנד האט ער אין זיך איינגעזאפט די אכזריותדיגקייט פון די דייטשען, וועלכע ער האט געזוכט נאכצואהמען. ער האט געפרעסט, אז מען זאל אויך איינפיהרען די אינקוויזיציע אין פארטוגאל, כדי דאס וואס ער האט געטהון אין דייטשלאנד זאל נישט אויסזעהען קיין אויסנאהם. מען ערקלערט אויך, אז ער האט געוואלט אויסברייטערען די אינקוויזיציע, ווייל די מאראנען האבען נישט מעהר געקענט געבען גרויסע געלד-מתנות, ווי זיי האבען פריהער געגעבען.

דער פאפסט פאול דער דריטער, האט זיך געלאזט בעאיינפלוסען פון דעם דאזיגען קייזער, טשארל דער פינפטער, און דעם 23-טען מאי 1536, האט ער געגעבען די צושטימונג, אז די אינקוויזיציע זאל פונקציאנירען אויך אין פארטוגאל. דער פאפסט האט אפילו בעשטימט געוויסע בעשרענקונגען פאר דער אינקוויזיציע אין יענעם לאנד; אבער ווען די אינקוויזיציע האט אנגעהויבען דורכצופיהרען איהרע משפטים און היגריכטונגען האט זי בעזייטיגט אלע בעשרענקונגען, און איז געווארען נאך גרויזאמער ווי זי איז געווען אפילו אין שפאניען.

דער פאפסט פאול דער דריטער האט נאכהער אלץ אונטער דער ווירקונג פון טשארל דעם פינפטען איינגעפיהרט, אז אפילו גע'שמד'טע יודען זאלען טראגען די געלע לאטע, כדי מען זאל זיי קענען אונטערשיידען פון די געבוירענע קריסטען.

טויזענדער און טויזענדער מאראנען אין פארטוגאל זענען פון דער אינקוויזיציע אומגעבראכט געווארען דורך שרעקליכער פייניגונג און דורך פערברענען זיי אויף דער אויטא דע פע.

עס איז אויך כדאי צו דערמאהנען, אז ס'איז געווען דער זעלבער פאפסט, פאול דער דריטער, וועלכער האט אויך איינגעפיהרט די אינקוויזיציע געגען די פראטעסטאנטען. אויך דאס האט ער געטהון אונטער דער ווירקונג פון קייזער טשארל דעם פינפטען, אזוי איז די פערפאלגונג געגען יודען דעמאלט איסגעשפרייט געווארען אויך צו אנדערע נישט יודען, פונקט ווי עס ווערט איצט געטהון אין נאצי דייטשלאנד.

כאראקטעריסטיש איז אויך, אז נאך דעם, וואס די פראטעסטאנטען זענען דעמאלט, אין מיטען פון 16-טען יאהרהונדערט בעזיגט געווארען האט דער דערמאהנטער קייזער פון דייטשלאנד אויך געזוכט אונטערצווארפען אפילו דאס גאנצע פאפסטענטום אונטער זיין הערשאפט. אט דאס האט שוין דער פאפסט פאול דער דריטער נישט געוואלט ליידען. עס איז געקומען צו א קריג צווישען פאפסט און דעם דאזיגען אין בלוט איינגעטונקענעם קייזער. א דאנק דעם דאזיגען קריג איז דער פאפסט פאול דער דריטער ווידער געווארען גוט צו די מאראנען, וועלכע זענען נאך געבליבען לעבען. ער האט זיי בעפרייט פון די שטראפען אונטער וועלכע זיי האבען זיך געפונען; 1800 מאראנענ זענען זאגאר בעפרייט געווארען אין 1548 פון די שוידערליכע תפיסות פון דער אינקוויזיציע, און דער דערמאהנטער פאפסט האט זיי שוין בעשיצט אלע זיינע יאהרען ביז צו זיין טויט אין 1550.

אט אזוי האט גראד א נוטער פאפסט דורך דער ווירקונג פון א זעהר שלעכטען קייזער פון דייטשלאנד און קעניג פון שפאניען, איינגעפיהרט די אינקוויזיציע פון פארטוגאל, און איהר געלאזען שרעקליך בושוועטען פאר לערך 12 יאהר צייט.

350 יאהר קארטאפלעס

גאנץ געגוי לאזט זיך היינט נישט זאגען ווען מענשען האבען צום ערשטען מאל זיך דערוואוסט פון קארטאפלעס. אזוי פיעל איז זיכער, אז פונקט מיט 350 יאהר צוריק, אין יאהר 1586, האט מען צום ערשטען מאל די קארטאפלעס געבראכט קיין אייראפא.

די ערשטע ידיעה פון קארטאפלעס בכלל קומט פון יאהר 1538. דעמאלט האט א שפאנישער רייזענדער, וואס האט געזוכט גאלד אין דער געגענד פון פערו (זיד-אמעריקא), געפונען די קארטאפלעס, פון וועלכע ער האט געלעבט א לאנגע צייט, ווען ער איז ארומגעקראכען אין די וויסטע מקומות, ס'איז איהם נישט איינגעפאלען, אז דאס דאזיגע געוויקס איז מעהר ווערט ווי אלע גאלד-אוצרות פון דער גאנצער וועלט, ווייל ביז צום היינטיגען טאג איז אויף דער גאנצער וועלט נישט פערהאנען אזוי פיעל גאלד, אז מ'זאל דערמיט קענען בעצאהלען דעם ווערט פון די קארטאפלעס, וואס וואקסען בלויז אין איין איינציג יאהר.

ערשט אין י. 1586 האבען די ענגלענדער פראנציס, דרעיק און וואלטער ריילי געבראכט די קארטאפלעס פון פערו קיין ענגלאנד. אבער די ענגלענדער האבען זיך נישט געוואלט וויסען דערפון. „א געוואוקס, וואס קומט נישט פאר אין דער ביבעל, איז מסתמא גיפטיג", אזוי האבען די ענגלענדער גע'פסקנ'ט און מ'האט די קארטאפעל געהאלטען פאר דעם „עפאלי, מיט וועלכען הוה האט פערפיהרט אדם הראשון אין גן-עדן"...

פיעל יאהרען האט מען פון די קארטאפלעס נישט געוואלט הערען אפילו. מ'האט אין ענגלאנד געזאגט, אז „זי איז פונקט אזוי גיפטיג ווי טאבאק בלעטער". ערשט אין אנהויב פונ'ם זיבעצענטען יאהרהונדערט האט מען אין אירלאנד אנגעהויבען זייהען קארטאפלעס. ס'איז דארט געווען א גרויסער הונגער און די אירלענדער האבען זיך אנגעהויבען צו דערנעהרען מיט קארטאפלעס, וועלכע זיי האבען געגעסען „געקאכט, געבאקען, געבראטען, געברענט, געשיילט, הייס און קאלט" און ס'איז דארט געווארען כמעט די איינציגע שפייז.

פונדעסטוועגען איז דעמאלט אין אירלאנד ארויסגעקומען א געזעץ, אז „קינדער טאר מען קיין קארטאפלעס נישט געבען מעהר ווי איינמאל אין דער וואך". מ'האט מורא געהאט, זיי זאלען זיך דערפון נישט פערגיפטען...

פאוואלי, פאוואלי האט מען דערנאך אויך אין אנדערע לענדער אנגעהויבען צו פלאנצען קארטאפלעס. בעזונדערס אין די יאהרען, ווען ס'איז אין ערגיץ א לאנד נישט געווען קיין גערעטעניש אין תבואה, האט מען זיך אנגעהויבען צו דערנעהרען פון קארטאפלעס, וועלכע האבען אומעטום אזוי שטארק אויסגענומען, אז מ'האט זיי אויך אין די נוטע יאהרען געפלאנצט און געגעסען.

אין יאהר 1716 האט מען צום ערשטען מאל געבראכט אויפ'ן לייפציגער יריד קארטאפלעס צו פערקויפען. רוסישע סוחרים האבען זיי געבראכט און דערמיט געהאנדעלט צווישען סוחרים פון כמעט אלע אייראפעאישע לענדער.

אבער ערשט אין דער צווייטער העלפט פונ'ם אכצענטען יאהרהונדערט האט מען אין אלע לענדער זיך ארומגעזעהען ווי וויכטיג די קארטאפלעס זענען פאר'ן פאלק און מ'האט זיי אומעטום אנגעהויבען פלאנצען.

אומעטום האבען זיי שטענדיג געוואקסען. בלויז אין יאהר 1846 זענען זיי אין אירלאנד נישט געראטען. ס'זענען דעמאלס א ערך פון א מיליאן מענשען צוגרונד געגאנגען פון די שאדענס, וואס זיי האבען געהאט דורך דעם נישט-געראטעניש פון די קארטאפלעס.

אין יאהר 1868 האבען פליגען אויפגעגעסען אין דרום-אמעריקא די גאנצע קארטאפלעס אויף די פעלדער. דער שאדען איז געווען זעהר גרויס. אין קריג האבען זיך די דאזיגע פליגען בעוויזען אויך אין פראנקרייך, וואו די קארטאפעל בויערן ליידען זיך פון זיי אויס גרויסע צרות ביז צום היינטיגען טאג.

ז. האבער.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

נאך די ימים טובים.

מיר זענען כאטש געבענשט מיט א סך ימים טובים. אמת, קיין פרנסה איז נישטא און אנדערע לעבענס בעדינגונגען, וואס זענען נויטיג פאר'ן מענשליכען לעבען האבען מיר נישט, דערפאר האבען מיר אבער אהן א שיעור חגא'ס מיט ימים טובים.

איבערהויפט פיהלען די ימים טובים די יודישע סוחרים און געוועלב-אייגענטימער. זיי האבען געהאט דעם אמת'ן מאי. זייערע געוועלבער זענען פערמאכט געווארען צענדליגער מאל אין דאזיגען חודש, סיי צוליעב די פייערטעג, וואס פאלען אויס אין חודש מאי און אויך צוליעב טרויער, וואס האט אונז געטראפען אין דעם דאזיגען פריהלינגס חודש.

דעם לעצטען יום-טוב האבען מיר אבער געהאט שבועות, וואס האט זיך געצויגען כמעט א גאנצע וואך. אנגעהויבען האט ער זיך מיטוואך דעם 27 מאי, ווען ס'פאלט אויס אונזער שבועות און האט זיך געענדיגט דעם 2 טען יוני, ביים סוף פון די קריסטליכע „זיעלאנע שוויאנטקי", אזוי אז מיר קענען זיך נישט בעקלאגען דאס מיר האבען אין פוילען ווייניג ימים טובים...

אלע האבען זיך בעטייליגט אין דער אקציע.

דער לעצטער יום טוב האט זיך אויסגעצייכענט מיט פאראדען און צערעמאניעס. די קריסטען האבען געפייערט דעם 10-יעהריגען יובילעאום פון דער היגער ביסקופ-דיעצעזיע און ווי געוועהנליך איז עס פארגעקומען מיט גרויסע פאראדען, מוזיק א.א.וו. אבער אויך מיר יודען האבען אויסגענוצט דעם יום טוב, כדי אדורכצופיהרען אנ'אקציע אויפ'ן רעליגיעזען געביעט.

דעם צווייטען טאג שבועות, פאר'ן לייענען איז דער דיין ר' יאסעלע פראקאש ארויף אויפ'ן בעלעמער פון דער שטאדט-שוהל געהאלטען א דרשה וועגען טהרות בנות ישראל, דערביי האט ער מספיד געווען אונזער טהייערען רב ז"ל. אויך האט ער גערעדט וועגען חילול שבת א. ד. גל. דאן האט ער לויט'ן פערלאנג פון די גבאים גערעדט וועגען דעם, אז מען זאל מנדר זיין אויפ'ן רעמאנט פאר דער שוהל. און וואס מיינט איהר האבען אונזערע יודען געטהון? זיי האבען טאקי מנדר געווען און נישט בלויז די מענער, נאר אויך די פרויען פון עזרת-נשים האבען צוגעטראגען זייערע נדבות. און פארגעקומען איז עס אויף פאלגענדען אופן: אויפ'ן בעלעמער שטעהען די גבאים מיט'ן דיין, דער בעל קורא מאכט מי שבירך'ס, און עס פאלען נדרים פון 5 זלאטי-שטיק, 10 זלאטי-שטיק און אפילו א חי זהובים אויך. פערשטענדליך, אז צו 2 און 3 זלאטעס האט מען אויך אנגענומען. פטור געווארען מיט דער מענער-שוהל, האט זיך אונזער ר' הירשל מיטעלמאן ארויפגעלאזט אין דער עזרת נשים און ס'האבען פון דארט אויך אנגעהויבען צו פליהען נדרים צו 2, 3, 5 און 10 זלאטעס. די דאזיגע פראצעדור האט זיך געצויגען און געצויגען און דער עולם ווערט נישט מיצד פון מנדר זיין. ווען נישט דאס, וואס די מתפללים האבען אנגעהויבען צו בענקען נאכ'ן קעז-קוכען, וועלכער ווערט דערווייל אין דערהיים פערשעמט, וואלט עס זיך געצויגען ביז נאך מנחה.

חיי ווי איז לא אלמן ישראל, ביי יודען דארפען נאר זיין געמערס, קיין געבערס, איבערהויפט ווען ס'האנדעלט זיך אויף אזא צוועק ווי צו רעמאנטירען די שוהל, וועלען קיינמאל נישט פעהלען.

כדי אבער אויך מזכה צו זיין די יודען, וועלכע דאווענען נישט אין שוהל, אז זיי זאלען זיך אויך קענען בעטייליגען אין דער דאזיגער גרויסער מצוה, איז געגרינדעט געווארען א ספעציעלער קאמיטעט, וועלכער וועט צוליעב טהון אויך אנדערע מתפללים און ביי זיי צוגעמען זייערע נדבות אויף דעם אויבענדערמאנטען צוועק...

די דאזיגע אקציע, וועלכע איז פארגעקומען אין דער שטאדט-שוהל דעם צווייטען טאג שבועות און האט ארייגעבראכט עטליכע הונדערט גילדען, איז דער בעסטער בעוויז ווי צוגעבינדען די מתפללים זענען צו זייער שוהל, אז ווען מען ווענדעט זיך נאר צו זיי וועגען אבגעבען כבוד דער שוהל, וועגען אלע ווי איינע מאן גרייט מיט זייער געלד עס צו טהון.

דאס איז דערווייל דער איינציגער פאזיטיווער טהאט פון אונזערע יודען, וואס מיר האבען געהאט דעם לעצטען יום טוב שבועות.

איבער א דרוק-פעהלער — א הארץ-פעהלער...

איהר קאנט זיך נישט פארשטעלען דאס עגמת נפש, וואס א „גאש-בראט" האט, בעת מען מאכט איהם א דרוק-פעהלער. א בהור-ה'זעצער איז אקאלטע בריאה, איהם ארט נישט קיין שום זאך; מעגט איהר איהם געבען די צאפעלדיגסטע ידיעה, וועט ער זיך שטעהן אזוי ווי שטענדיג און קיין מוסקול וועט ביי איהם נישט א ציטער טהון. אינדערצייט, ווען א זשורנאליסט בעת עס קומט איהם אויס אנצושרייבען א ידיעה וועגען א קאטאסטראפע מיט מענשליכע קרבנות אדער וועגען אנ'אומגליק, וואס האט געטראפען דעם כלל ישראל, ציטערט ביי איהם די האנד, סקריפעט די פעדער מיט א גרעסערען אימפעט. אינדערזעלבער צייט שטעהט דער זעצער און זעצט דאס זעלבע אויס אזוי גלייכגילטיג, פונקט ווי ער מאכט דאס בעת'ן אויסזעצען זאל מען זאגען, א גראטולאציע. דאס ערגסטע איז אבער מיט די זעצער, וועלכע דערגעהען די יאהרען מיט זייערע דרוק-פעהלער.

א סך מכשולים און אומגליקען זענען שוין ארויסגעקומען צוליעב די דרוק-פעהלערס זאגאר מיט דער צענזור קומט מען אפט צוליעב דעם אין קאנפליקטען, וואס ענדיגען זיך מיט א שטראף. און גיט דערצעהל, אז דו האסט אנגעשריבען, ווי ס'געהער צו זיין, נאר אז דעם זעצער איז געפעלען געווארען אויסצודרעהען איין אות אזוי, אז ס'זאל ארויסקומען גאר עפיס אנדערש.

איך האב יענע וואך אנגעשריבען א קעפיל „לחנכו", האט ער. דער זעצער, דוקא אויסגעזעצט „לחנחו". נעם איך ביי דער קארעקטע און שטרייך אויס די צווייטע „חית" און שרייב אויף א „כיו". איך בעגניגען זיך נאך נישט מיט דעם, געה צו צום זעצער און ווייז איהם אן געגוי אויפ'ן דאזיגען פעהלער. מיין איך דאך, אז איך בין יוצא, הויבט זיך ערשט גארגישט אן. ווען די צייטונג איז אבגעדרוקט געווארען, זעה איך, אז דער פעהלער איז געבליבען ווי געווען — „לחנכו" מיט צוויי „חית'ן", ווער איך דאך אין כעס און הויב אן צו געוואלדעווען צום זעצער: דו אזוינער און אזוינער, וואס האסטו מיר געטהון, דער עולם וועט דאך גישט וויסען, אז דערין איז שולדיג דער הבחור-הזעצער, נאר ער וועט זאגען, אז איך בין א גראבער יונג. נאר רעד היינט, רעד מארגען, אז ער עגטפערט דיר נישט אינגאנצען.

גלויבט מיר זיכער, מען קאן גיכער שטארבען פון א דרוק-פעהלער, ווי פון א הארץ-פעהלער...

שבת'דיגע יום טוב'דיגע יודען.

איהר קאנט דאך אלע די הערליכע פאעמע פון י. ל. פרץ „די גאלדענע קייט", אין וועלכער דער גרויסער דיכטער שטעלט פאר די שבת'דיגע יום טוב'דיגע יודען, די נשמה-יתירה'דיגע יודען, וועלכע ווילען, אז ס'זאל זיין כילו שבת אויף דער וועלט. אונזערע תומכי-עניים-יודעלעך זענען אויך נאר שבת'דיגע און יום טוב'דיגע יודעלעך. א גאנצע וואך זענען זיי פערהארעוועט, פערדאגה'ט ווענען פרנסה, קומט אבער שבת אדער יום טוב, וועט איהר זיי דאמאלס נישט דערקענען. דער יוד בעקומט א נשמה יתירה, ער לויפט ארום איבער די הויפען, אויף די שטאקען, און נעמט צונויף חלה און ברויט, כדי צו דערהאלטען עטליכע הונדערט יודישע פאמיליעס ביים לעבען.

איך בין מיט זיי געווען דעם לעצ-

אברהם פויגעל

די פוילישע אפריל=קאנסטיטוציע.

VI. דער סענאט.

.1

אין פוילען, ווי אין דעם גרעסטען רוב פארלאמענטארישע לענדער, גייט די געזעצגעבונג אדורך, נישט דורך איינע, נור דורך צוויי קאמערן.

עס שטעלט זיך א פראגע: קואי באנא? נאכוואס בעדארף מען דאס דאזיגע איבריגע בעשעפעניש? איז דען נישט גענוג, ווען א יין קערפערשאפט פון עטליכע הונדערט מאן בעטראכט א געזעץ-פראיעקט? וואס איז אלזא דער צוועק פון דער צווייטער געזעצגעבערישער קאמער.

עס זעהט אויס, אז די געזעצגעבערישע פונקציעס זענען צו וויכטיגע און דעליקאטע, און די פאלקס-פארשטעהערשאפט בעשטעהט פון צופיעל דעמאגאגען און צו וועניג פאכמענער, אז מען זאל איהר אליין די דאזיגע פונקציעס אנטרויען. מען דארף אלזא נאך א קערפערשאפט, א געלאסענערע, מעהר סטאטעטשנע פערזאמלונג, פון רוהיגערע מענשען, וועלכע זענען נישט ענג מיט קיין פארטייען פערבינדען, און וועמענס ביישטייער צו דער געזעצגעבונג קען זיין פון גאנץ גרויסער חשיבות צוליעב זייער בילדונג און פאכמענישקייט.

עס רוקען זיך דא תיכף ארויס עטליכע פראבלעמען: מיר האבען געזעהן, אז די ערשטע קאמער ווערט צוזאמענגעשטעלט דורך וואהלען, וועלכע קומען געוועגליך פאר אויף א זעהר ברייטער דעמאקראטישער פלאטפארם. אויף וואס פאר אנ'אופן דארף זיך פארמירען דער צוזאמענשטעל פון דער צווייטער קאמער? דאן — די קאמפעטענצען פון דער ערשטער קאמער בעגרעניצען זיך נישט בלויז אויף דער געזעצגעבונג, נור נעמען ארום אויך אנדערע ענינים, ווי קאנטראל איבער די רעגירונג א. ד. גל.; צי זאלען די פראגען אויך אדורכגעהן דורך דער העכערער קאמער?

די דאזיגע ענינים ווערען אין פערשידענע לענדער פערשידענארטיג נארמירט; און נור אויפ'ן באדען פון די עקזיסטירענדע סיסטעמען קען מען זיי בעטראכטען. דא קען מען נור צונעבען, אז ביי א פערשידענארטיגען צוזאמענשטעל פוןביידע קאמערן, קען א פאליטישע פעראנטווארטליכקייט פון דער רעגירונג פאר זיי ביידע וועררען העכסט געפעהרליך פאר דער מלוכה-ארדנונג. עס קען זיך דאך אזוי מאכען, אז צוויי בעקעמפענדע זיך פארטייען וועלען אין יעדער פון די קאמערן בעקומען די אויבערהאנד: קיין שום רעגירונג וועט דאמאלס ביידע קאמערן נישט צופרידענשטעלען!

אין ענגלאנד ווערען די מיטגלידער פון דער צווייטער קאמער נאמינירט דורכ'ן קעניג. זיי דערהאלטען זייער אמט לעבענסלענגליך און נאכ'ן טויט גייט ער איבער צו זייער בכור. עס זענען די אז. גער. לארדען. די מאכט פון לארדען הויז און פון דער רעפרעזענטאנטען קאמער איז ביים אנהויב גלייך געוועזען. יעדעס געזעץ האט געמוזט בעקומען ביידענס הסכמה, אהן וועלכער ס'האט נישט געקענט ארייין אין קראפט. פאמעליך האבען זיך אבער די רעכט פון לארדען-הויז פערשמעלערט: די רעגירונג איז פאר איהם נישט געווען פעראנטווארטליך און מיט רעכט! עס וואלט אנגעריהרט די גלייכגעוויכט, ווען די רעגירונג וואלט געמוזט אבטרעטען אויף זיין פערלאנג, און אויפלעזען די קאמער וואלט זי נישט געווען ביכולת, ווייל די לארדען זענען דאך נאמינירט לעבענסלענגליך. דאן האבען די לארדען פערלוירען זייערע רעכט ביי בודזשעט פראגען. היינט צו-טאג קענען די לארדען נור אויפהאלטען א געזעץ א געוויסע צייט, אבער נישט עס דעצידירענד אבווארפען.

די זעלבע עוואלוציע האט אדורכגעמאכט דער סענאט אין איטאליען, כאטש דארט איז די פראגע נישט געווארען געזעצליך נארמירט, נור דורך א מנהג. עס איז פערשטענדליך, אז דארט, וואו א קאמער בעשטעהט פון נאמינירטע און נישט פון געוועהלטע מיטגלידער, און זייער צאהל איז אונבעגרעניצט — קען איהר ווידערשטאנד געגען דער רעגירונג נישט זיין דויערהאפט. די לעצטע קען דאך שטענדיג ארייינזעצען איהרע אנהענגער אין א צאהל, וועלכע איז איהר בעקוועם.

אויף א גאנץ אנדערן אופן שטעלט זיך צוזאמען דער סענאט פון די פעראייניגטע שטאטען. די דאזיגע מדינה בעשטעהט היינט-צו-טאג פון 48 שטאטען, ארגאניזירטע אויפ'ן יסוד פון א ברייטער אויטאנאמיע. די דאזיגע שטאטען וועהלען עס סענאטארען, יעדער איינציגער — צוויי. דער אמעריקאנער סענאט איז א גלייכבערעכטיגטער פאקטאר מיט'ן רעפרעזענטאנטען-הויז אין אלע פראגען, וועלכע זענען נוגע דער געזעצגעבונג; קיין קאנטראל איבער דער רעגירונג-פערמאגען זיי ביידע נישט.

2

דער פוילישער סענאט לויט דער מערץ קאנסטיטוציע פלעגט צוזאמענגעשטעלט ווערן אויפ'ן יסוד פון אלגעמיינע וואהלען. די אייגענשאפטען פון די וואהלען זענען געווען דיזעלבע וואס פון די וואהלען צום סיים; ס'איז נאר געהעכערט געווארען די צייט-עלטער פון וועהלער און געוועהלטען. דער כחות צוזאמענשטעל אין סיים און אין סענאט איז אלזא געווען דערזעלבער; די צאהל מיטגלידער זיינע איז נאר געווען קלענער. ס'האט געהייסען, אז דער סיים זאל בעשטעהען פון די יונגע היץ-קעפ, וועלכע זאלען זיך זידלען און שנידלען, און די צווייטע קאמער האט בעדארפט זיין דער סאלאן, וואו עטליכע צעהנדליגג עלטערע לייט וואלטען מיט א מילדען שמייכעל בעטראכט די שטיקלעך ארבייט, וועלכע די יונגערע האבען אנגעמאכט. די דאזיגע עלטערע מענער האבען עס געזאלט בילדען די קאלטע שעפ-וואסער אויף די צעהיצטע געמיטער, וועלכע האבען דאדורך בעקומען צייט און מעגליכקייט זיך אביסעלע אבצוקיהלען. ווען אבער טראץ דער געגנערשאפט פון סענאט וויל דער קוואליפיצירטער רוב פון סיים דאך פון זיין מיינונג נישט אבטרעטען, פלעגט עס בלייבען, ווי דער סיים האט געוואלט.

KANTOR WYMIANY i LOTERJI
J. WEKSLER
ALEJA 6. Telef. 11-55.
מאכט בעקאנט, דאס מיט דער ערלויבניש פון פינאנץ-מיניסטעריום פון 9 מאי, פערעפענטליכט אין „מאניטאר פאלסקי" № 113
איז מיר ערלויבט צו קויפען
פרעמדע וואלוטען אויך גאלד.
גלייכצייטיג ווערט בעקאנט געמאכט, אז
ס'זענען שוין דא לאסען
צו דער 1-טער קלאס
36 מלוכה = לאטעריע.

די ראל פון פוילישען סענאט איז אזוי ארום געווען נאר אנ'אבשלעפענדיגע. על-פי רוב פלעגט ער זיך בעגנוגענען מיט'ן קארעגירען געוויסע אויסדרוקען פון די געזעץ-פראיעקטען, פדי זיי זאלען זיין יוריסטיש אויסגעהאלטען און פלעגט זעלטען איינגעריען אין זאכליכע פראגען שוין פשוט צוליעב דעם, וואס דיזעלבע פארטייען פלעגען האבען א מעהרהייט אין ביידע קאמערען. טראץ דעם אלעם איז זיין ראט דאך געווען א נוצליכע.

די אפריל-קאנסטיטוציע און די פרישע וואהל-ארדינאציע האבען די מארפאלאגיע (צוזאמענשטעל) פון סענאט פון גרונד אויס געענדערט. די קאנסטיטוציע אליין גיט אב קוים צוויי ארטיקלען דער צווייטער פוילישער קאמער, און די געוויכט פון איהרע בעשטימונגען ליגט נישט אזוי ווייט אין געזאגטען, ווי אין דעם, וואס זי דערזאגט נישט. נאר דער צוזאמענשטעל פון א טייל סענאט, נעמליך $^1/_3$-טעל, נארמירט די קאנסטיטוציע בכבודה ובעצמה, איבערלאזענדיג דאס איבריגע דער וואהל-ארדינאציע. דער דאזיגער טייל פון דער העכערער קאמער ווערט צוזאמענגעשטעלט דורכ'ן מלוכה-פרעזידענט, און דאס — אינגאנצען זעלבסטשטענדיג, לויט זיין פרייען איינזעהען. זיי בילדען די אז. גער. ווירילסטען.

די וואהל-ארדינאציע בעשטימט די צאהל סענאטארען אויף 96. וואהל-רעכט צום איבריגען טייל פון סענאט האבען נישט אלע — נאר דריי קאטעגאריעס בירגער: 1) פערדינסטפולע, 2) מיט א בילדונגס-צענז און 3) געוועהלטע אין פערשידענע זעלבסטפערוואלטונגען. די אלע קאטעגאריעס בילדען גאר א ברוכטייל פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג, און די פארטיי-דיפערענצירונגען אינערהאלב זיי — דעקען זיך נישט מיט די חילוקים פון גאנצען פאלק. אזוי ארום וועט פון אזעלכע וואהלען ארויסקומען — על-כל-פנים „אין דער טעאריע — דער סענאט מיט אנ'אנדערען כחות-צוזאמענשטעל, ווי דער סיים. א געזעץ, וואס זאל יעצט אדורכגעהן דורך ביידע קאמערן — מוז ארויסקומען רייפער.

טען יום טוב, בעת זיי האבען פאר זייערע צוזאמענגעלייגטע גראשענס געטרינקען „לחיים", און איך זאג אייך, אז אין זייער געגענווארט האב איך זיך געפיהלט געלייטערט: זייערע פערהארטעוועטע פגים'ער זענען איידעל געווארען, פון זייערע אויגען האט געשפראצט א מילד פייעריל און איך האב זיי נישט דערקאנט. זיי האבען געזינגען מיט התלהבות „וטהר לבנו", און מען האט געזעהען בחוש, ווי אט די דאזיגע יודען, וועלכע זעהען אויס אויבערפלעכליך פראסט, האבען אבער זויבערע, ערליכע הערצער, אז דארט דארט אונפעווייניג טליהט א ריינע הארציגע נשמה. און זיצענדיג מיט זיי, צוזעהענדיג זייער בעגייסטערונג, איז מיר געקומען אויפ'ן זינען י. ל. פרץ'ס פאעמע, אז די גוט-שבת-יודעלעך זענען דאס די אמת'דיגע שבת'דיגע און יום טוב'דיגע יודעלעך.

ער האט טאקי בעקומען בלומען און אפלאדיסמענטען, אבער...

טשענסטאכאוו האט זיך שוין אויסגעארבייט א שם, אז אימפרעזעס פון גוטע כחות האבען א דורכפאל, דאגעגען אבער אונטערגעהמוגגען פון קאליקעס-„ארטיסטען" האבען גראד ביי אונז יא ערפאלג.

לעצטענס זענען דא געווען ביי אונז אזעלכע בעדייטענדע ארטיסטישע כחות, ווי איזא קרעמער, יאסעלע קאלאדני און מיכל גיבסאן און אלע האבען געליטען אדורכפאל. פשוט, ס'איז נישטא דער אינטערעס פאר קינסטלערישע אווענדען.

ס'איז געווען פיינליך צו זעהן אין זאל בעת די קאנצערטען פון מיכל גיבסאן, וועלכער איז א גרויסער טאלאנט און האט אבגעארבייט דריי אווענדען ביי ליידיגע בענקלעך, נישט קוקענדיג דעריף, וואס אלע דריי קאנצערטען זענען פארגעקומען אין אזעלכע אווענדען וואס זענען מסוגל צו האבען ערפאלג, ווי מוצאי יום טוב, פרייטאג צו-נאכט'ס און שבת צו-נאכט'ס.

אמת, דער קנאפער עולם האט איהם שטארק אפלאדירט, זאגאר איהם בלומען געשאנקען, וואס קומט אבער ארויס, אז די קאסע איז געווען ליידיג. ערשט דעם לעצטען אווענד איז געקומען אביסעל א גרעסערער עולם, אבער דאס האט שוין נישט געקאנט ראטעווען די סיטואציע.

אומעטום, האבען די אלע אויבענדערמאנטע קינסטלער געהאט דעם גרעסטען ערפאלג, זיי האבען געהאט אי געלד, אי כבוד, ביי אונז אבער בעקומען זיי נאר אפלאדיסמענטען מיט בלומען, אבער... נישט קיין געלד.

זי האט געדאנקט מיט טרעהרען אין די אויגען.

זייענדיג יענע וואך אין דער קאנצעלאריע פון דער האנדווערקער-שולע האב איך בייגעוואוינט א זעהר אנגענעהמען פאל.

עס שטעהט א מוטער, וועמענס זוהן ס'האט געענדיגט די האנדווערקער-שולע אלס שלאסער און מיט טרעהרען אין די אויגען דאנקט זי דעם דירעקטאר פזשיסוסקער פאר דעם, וואס איהר זוהן איז געווארען אהן עין הרע אזא לייט, אזוי אז ער האט איצט די מעגליכקייט אויסצוהאלטען די עלטערן.

מיין קינד — רעדט ווייטער די מוטער און טרערען גיסען זיך פון איהרע אויגען — איז דאך איצט אונזער גאנצע שטיצע. ער האט זיך פערלייגט א פאבריקעל און מיר האבען דאנקען גאט איצט פרנסה און דאס אלעס א דאנק דער האנדווערקער שולע, וועלכע בילדעט אויס די יודישע יוגענד צו זיין פולקאמע רייפע מענשען.

ווען איך האב זיך פעראינטערעסירט מיט דעם ענין, האב איך געוואויר געווארען, אז א סך צעהנדליגער יודישע יונגעלייט, וועלכע האבען געענדיגט די האנדווערקער-שולע, זענען געווארען זעלבסטשטענדיג, בעקומען ארבייט און פערדינען אויף חיונה. פערהאן אויך צווישען זיי אזעלכע, וועלכע שלאגען זיך ארויס און גרינדען אייגענע ווערקשטאטען און זאגאר פאבריקען. דער דירעקטאר פזשיסוסקער ווייזט מיר צעהנדליגער דאנק בריעף פון אזעלכע שילער, וועלכע האבען נעגרינדעט אייגענע אונטערנעהמונגען און ס'געהט זיי זעהר גוט, און פאקטיש דארף מען אנערקענען, אז דער איינציגער אויסוועג פאר דער יודישער יוגענד איז, אזוי ווי עס שטעהט אין פרק: טוב תורה עם דרך ארץ, אז מען דארף צוזאמען מיט דער בילדונג זיך גלייכצייטיג אויסלערנען א פאך, אזוי ווי דאס איז אין דער האנדווערקער-שולע.

פראגרעס, ציוויליזאציע...

מיר געהען וואס אמאל אלץ פארווערטס. דער פראגרעס, די קולטור און ציוויליזאציע דרינגט אלץ טיעפער און טיעפער אריין אין אונזער לעבען. פערהאנען אפילו אזעלכע „אפיקורסים", וועלכע האלטען פערקעהרט, אז מיר ווערען וואס אמאל אלץ ווילדער און חיה'שער...)

ווען מיין זיידע, וועלכער איז געשטארבען מיט 50 יאהר צוריק, זאל היינט אויפשטעהן, וואלט ער די שטאדט נישט דערקאנט, אזוי האט זי זיך געענדערט. טשענסטאכאוו איז געווארען א שהנע שטאדט, מיט אספאלט, מיט בוימער און ברייטע טראטוארען.

לעצטענס האט מען זיך גענומען אויך צו קולטיווירען דעם אלטען מארק. ווער נעדענקט דען נישט, ווי אזוי דער אלטער מארק האט אויסגעזעהן מיט העכער צוויי צעהנדלינג יאהר צוריק. עס איז דאך פשוט געווען א „חרפה" פאר א קולטורעלען ציוויליזירטען מענשען דארט אדורכצוגעהן, האט מען טאקי די חרפה אבגעטהון פון אונזערע אויגען און מען האט די הענדלער קודם כל ארויסגעיאגט, שפעטער האט מען ארויסגעריסען די שטייגער און איצט געהט מען דעם אלטען מארק פערוואנדלען אין א גארטען מיט בוימער און בלומען.

אמת איז, אז א סך צעהנדליגער משפחות האבען צוליב דעם פערלוירען זייערע פרנסות, צעהנדליגער פאמיליעס זענען געבליבען אהן ברויט, אבער וואס פאר א ראלע שפיעלט דאס בעת אויף דער וועלט געהט מען איינפיהרען דעם פראגרעס און ציוויליזאציע...

די סטודענטען זענען גערעכט...

מען דערצעהלט, אז בעת דעם לעצטען צוזאמענפאהר פון די פוילישע סטודענטען, וואס איז פארגעקומען יענע וואך אין טשענסטאכאוו, זענען אטייל חברה געשטאנען פאר דער „אייראפא" און נישט ארייינגעלאזט זייערע חברים.

ביי דער שטאדטישער בעפעלקערונג האט דאס ארויסגערופען שטוינונג און פערביטערונג. היתכן? — האבען זיך נאאיווע מענשען געפרעגט, דאס שטימט דאך עפעס נישט מיט דער אנגענומענער עטיק פון מענשען, איבערהויפט פערדריסט דאס, ווען אזא שטיקעל ארבייט ווערט אנגעפיהרט דורך געבילדעטע לייט, וואס דארפען זיין די וועגווייזער פון דער מענשהייט, פון צוקונפטיגען דור. אויף דעם דארף אבער קומען דער איינציגער ריכטיגער תירוץ:

די סטודענטען, וועלכע זענען געקומען דא אהער אויפ'ן צוזאמענפאהר, געהערען צו דער קאטעגאריע מענשען, וועלכע ציטערן פאר א יי ר א פ א. זיי האבען אין זיך דעם אינסטינקט פון די בעשעפענישען, וואס וואוינען אין אזיע, אפריקא און דעריבער האבען זיי פיינד אלץ, וואס שטימט מיט „אייראפא"...

זיי זענען גערעכט, די סטודענטען...

נאכאמאל וועגען אנ'אנגעווערהטאגטער פראגע

מיר האבען שוין צעהנדליגער מאל אנגעוויזען, אז דערמיט וואס אונזערע יודען קויפען אויף פאק-פאפיר די מאקולאטור פון די אנטיסעמיטישע צייטונגען, ווי דעם „ארענדאווניק" א.ד.גל. בעגעהען זיי א גרויס פערברעכען, ווייל זיי העלפען אונדירעקט מיט צו פערשפרייטען דעם אנטיסעמיטישען גיפט צווישען די קויפער פון די פראדוקטען. פונדעסטוועגען האט אונזער ווארנונג נישט געהאלפען אויף די גאנצע הונדערט פראצענט. אמת, א טייל יודען האבען אויפגעהערט צו קויפען דאס פאסקודסטווע, פערהאנען אבער נאך אזעלכע יודען, וואס צוליב איינצעלנע גראשענס, וועלכע זיי ברענגען זיך איין, מאכען זיי בעסער די טראנזאקציע מיט די גיפטיגע צייטונגען.

מיר בעריהרען נאכאמאל די דאזיגע אנגעווערהטאגטע פראגע און מיר אפעלירען צו די דאזיגע יודען, אז זיי זאלען נישט מיטהעלפען צוליב זייער לייכטזין פערשפרייטען די גיפטיגע באצילען צווישען דער נישט-יודישער בעפעלקערונג.

לויתן.

די פייערליכקייטען לכבוד דעם 10-יעהריגען יובל פון מלוכה-פרעזידענט פראפ. איגנאצי מאשטשיצקי.

אזוי ווי אין גאנץ פוילען איז אויך אין טשענסטאכאוו פייערליך געווארען בעהערט דער 10-יעהריגער יובל פון פערנעמען זיין אמט דורכ'ן מלוכה-פרעזידענט פראפ. איגנאצי מאשטשיצקי.

די פייערליכקייט האט זיך אנגעהויבען דינסטאג אין אווענד ארום 8 א זייגער מיט א צאפּסטזשיק פון אלע היגע ארקעסטערס. די שוי-פענסטער פון אלע געוועלבער זענען געווען דעקארירט מיט נאציאנאלע פארבען און מיט'ן פארטרעט פון בעל-היובל. אויף אלע הייזער האבען געפלאטערט די נאציאנאלע פאהנען. בעזונדערס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט דער דעקאראציע און עלעקטרישער בעלייכטונג די געביידעס פון מאגיסטראט, פוילישע באנק, יודישע קהלה א.א.

נעכטען אינדערפריה האבען מיליטערישע אבטיילונגען, די קריסטליכע שול-יוגענד, געוועזענע מיליטער-לייט און פערשידענע ארגאניזאציעס זיך פערזאמעלט אויפ'ן פלאץ פאר'ן קלויסטער, וואוהין ס'זענען אויך אנגעקומען סטאראסטא ראגאווסקי, גענ. גאנשאראווסקי, ריכטער קעלער, פרעזידענט מאטאל און וויצע-פרעזידענט הענשעל. 10 א זייגער איז אבגעריכט געווארען א גאטעסדינסט און דאן האט די שול-יוגענד זיך צוריק אומגעקעהרט אין די שולען-אריין אויף די ארגאניזירטע אקאדעמיעס מיט דער רעדע פון בילדונגס-מיניסטער שווענטאסלאווסקי דורכ'ן ראדיא.

ארום האלב 12 מיטאג איז אויפ'ן פיעראצקי-פלאץ פארגעקומען א געלונגענע דעפילאדע, וועלכע ס'האט אבגענומען גענ. גאנשאראווסקי. אונטער די קלאנגען פון מיליטערישען ארקעסטער האבען דורכמארשירט קאמפאניעס פון 27 פיעכאטע-פולק, 7 ארטילעריע-פולק מיט הארמאטען, מיליטערישע צוגרייטונג און ארגאניזאציעס פון געוו. מיליטער-לייט.

8 א זייגער אווענד איז אויפ'ן פיעראצקי-פלאץ פארגעקומען אנ'עפענטליכע אקאדעמיע לכבוד דעם מלוכה פרעזידענט.

די נעכטיגע פייערליכע גאטעסדינסט אין דער שטאדטישער שוהל.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן 10-יעהריגען יובילעאום זייט דער פרעזידענט פראפ. איגנאצי מאשטשיצקי פערנעמט דעם העכסטען מלוכה-אמט אין פוילען, איז נעכטען 10 א זייגער פריה פארגעקומען אין דער שטאדט-שוהל א פייערליכע גאטעסדינסט, צו וועלכער ס'זענען געקומען פארשטעהער פון דער קהלה, פערטרעטער פון דער אדמיניסטראטיווער און קאמונאלער מאכט, די שול-יוגענד פון דר. אקסער'ס גימנאזיום, פון דער האנדווערקער-און אנדערע שולען, די האנדווערקער מיט זייערע פאהנער, יודישע קאמבאטאנטען און אנד.

די תפילות האט זעהר שעהן אבגעריכט ה' וו. שמיד ביי דער בעגלייטונג פון כאר אונטער דער געניטער לייטונג פון ה' י. ריכטער און דאן האט דער דיין ר' יוסף פראקאש געזאגט א ספעציעלע תפילה פאר'ן וואויל פון מלוכה פרעזידענט.

א לענגערע זעהר שעהן געבויטע רעדע אין דער פוילישער שפּ'אך וועגען דער פערזענליכקייט פון פרעזידענט אלס געלעהרטען און מלוכה-מאן האלט אדוו. דר. אש, וועלכער געהט דערנאך איבער אויף יודיש און הויבט אן: „פון דער דאזיגער בימה האט אין משך פון 42 יאהר גערעדט צו דער יודישער בעפעלקערונג מיין פאטער ז"ל; דא, אויף דער דאזיגער בימה, האט ער, האלטענדיג זיין ערשטע דרשה, אנגעהויבען זיינען פליכטען אלס היגער רב און מיט א דרשה, וועלכע ער האט צו דער ערשטער יאהרצייט פון מארשאל פילסודסקי געהאלטען דא אויף דער זעלבער בימה, האט ער ערפילט זיין לעצטע פליכט אלס היגער רב און פערענדיגט זיין לעבען. ביי פריידיגע פייערליכקייטען האט מיין פאטער ז"ל פון דער דאזיגער בימה אויסגעדריקט זיין שמחה, אין טרויעריגע מאמענטען — איז ער געקומען מיט ווערטער פון טרייסט. יעדעס מאל, נישט דווקא בעת ספעציעל-יודישע פייערליכקייטען, האט ער — זייענדיג עמפינדליך אויף די יודישע נויטען און ליידען — בעהאנדעלט דעם מאמענט מיט א ספעציעלער בעריקזיכטיגונג פון יודישען שטאנדפונקט".

פעררופענדיג זיך אויפ'ן ביישפיעל פון זיין פאטער, האט אדוו. אש ארומגערערט די בעציהונג פון פרעזידענט מאשטשיצקי בנוגע דער יודישער בעפעלקערונג פון לאנד און אויך זיינע סימפאטיעס צו דער ציוניסטישער אידעע און אויפבוי פון ארץ-ישראל.

די פייערליכקייט איז פערענדיגט געווארען מיט'ן זינגען דורכ'ן כאר דעם פוילישען הימן.

אקאדעמיעס לכבוד דעם 10-יעהריגען יובל פון פרעז. מאשטשיצקי ביי די יודישע געוו. מיליטערלייט.

מיטוואך אווענד איז ביים „זשוב" פארגעקומען אנ'אקאדעמיע געווידמעט די 10-יעהריגע פרעזידענטור פון פרעזידענט איגנאצי מאשטשיצקי. די אקאדעמיע עפענט פרעזעס דר. שלייכער. וועגען די פערזענליכקייט פון פרעזידענט האבען רעפערירט די ה"ה: דר. שאפער און דער ספעציעל דעלעגירטער מיטגליד פון לאדזער ראיאן-קאמיטעט ה' מאיעראוויטש.

— אויך ביי די יודישע קאמבאטאנטען איז אינדערזעלבער צייט פארגעקומען א פייערליכע אקאדעמיע, וועלכע ס'האט געעפענט דער פרעזעס דר. ד. טארבעטשקא און דיר. דר. אקסער האט אין א שעהן געבויטען רעפעראט איבערגעגעבען וועגען דער פערזענליכקייט און גרויסע אויפטהוען פון פרעזידענט מאשטשיצקי פאר'ן ניי אויפלעבענדען פוילען.

כוליגאנישע אנפאלען אויף יודישע דורכגעהער.

זונטאג זענען אין אונזער שטאדט פארגעקומען א רייה כוליגאנישע אנפאלען אויף יודישע דורכגעהער. אין אלע פאלען זענען די כוליגאנעס אוועק אונבעשטראפט.

אזוי זענען בעפאלען און צושלאגען געווארען די יודען: משה יוריסטא (אלעע 3), טראמבאצקי (אלטער מארק), פערענס, בערקאוויטש און אנדערע.

די טשענסטאכאווער האנדווערקער אויפ'ן האנדווערקער-קאנגרעס.

אויפ'ן האנדווערקער קאנגרעס, וועלכער איז היינטיגע וואך פארגעקומען אין ווארשא, איז די טשענסטאכאווער האנדווערקער-ארגאניזאציע געווען צאהלרייך פערטרעטען. אזש 23 דעלעגאטען זענען פון היע ארויסגעפאהרען, דערונטער אויך די פארשטעהער פון פרעזידיום און פערוואלטונג די ה"ה אברהם דזיאלאווסקי, יוסל גאלדבערג, שמואל קאץ, ישעיה גראנעק, לייביל קאץ סעקרעטאר אבא ווינער און אנד.

אין נייעם צ.ק. זענען פון טשענסטאכאוו אריין די ה"ה יוסל גאלדבערג און שמואל קאץ.

פון „טאז".

דער דענטיסטישער קאבינעט ביי דער געזעלשאפט „טאז" וועט געעפענט ווערען זונטאג, דעם 7-טען יוני ה.י. און וועט זיין טעטיג טעגליך פון 10 פריה ביז 2 נאכמיטאג.

קרייז פון געוועזענע שילער פון דר. אקסער'ס גימנאזיום.

דער ארגאניזאציאנס-קאמיטעט לאדענט איין אלע געוועזענע שילער פון דר. אקסער'ס גימנאזיום (אהן אונטערשיד צי זיי האבען געענדיגט די שולע) אויף דער ערעפנונגס-פערזאמלונג, וואס קומט פאר זונטאג, דעם 7-טען ד. ח. האלב 5 א זייגער נאכמיטאג אין שולעלאקאל.

אויפ'ן טאג-ארדנונג די אויפגאבען און ציעלען פון קרייז.

יום-טוב פון דער יודישער מאמע אין יוד. גימנאזיום

פאריגען זונטאג האט דאס יודישע גימנאזיום געפייערט א געלונגענעם יום טוב, געווידמעט דער יודישער מאמע.

אויפ'ן דעקארירטען שוהל-הויף מיט בלומען און ענטשפרעכענדע אויפשריפטען אין דער העברעאישער און פוילישער שפראכען, האט זיך פערזאמעלט די גאנצע שול-יוגענד און זעהר פיעל עלטערן. נאכ'ן בעגריסען די עלטערן דורכ'ן כאר און ארקעסטער רעדט פראפ. יוסף הירשבערג, וועלכער שטרייכט אונטער די פערדינסטען פון דער מוטער פאר'ן קינד און ווענדעט זיך צו די קינדער מיט דער פאדערונג צו בעווייזען זייער דאנקבארקייט לגבי דער מוטער.

אין דעם זעהר רייכען פראגראם האבען אנטייל גענומען די קינדער פון אלע קלאסען און האבען אין ריהרענדע דעקלאמאציעס און אינסצעניזאציעס געגעבען אנ'אויסדרוק פון זייערע געפיהלען פאר דער מוטער. דערנאך רעדט דיר. מרגליות וועגען דער בעדייטונג פון דער יודישער מאמע.

אין נאמען פון עלטערן-קאמיטעט דאנקט פרוי פרעז. שפירא פאר דעם יום-טוב, וועלכער האט די עלטערן געריהרט ביז צו טרעהרען. די קינדער גיבען זייערע מאמעס בלומען און קליינע מתנות. מיט א וויג-ליעד, אויסגעפיהרט דורכ'ן כאר און שלוס-נומער פון ארקעסטער, ווערט די פייערונג, וועלכע האט געמאכט א גוטען איינדרוק אויף די פערזאמעלטע, פייערליך פערענדיגט.

געגרינדעט אין קלאבוצק אנ'אבטיילונג פון יודישען קאמבאטאנטען-פעראיין.

פערגאנגענעם זונטאג, דעם 31 פ. ח. איז אין קלאבוצק געווארען געגרינדעט אנ'אבטיילונג פון טשענסטאכאווער קאמבאטאנטען-פעראיין.

צו דער פייערליכער ערעפנונג, וועלכע האט פערזאמעלט א גאר גרויסען עולם, זענען פון טשענסטאכאוו געווארען איינגעלאדען דער פרעזעס פון קאמבאטאנטען-פעראיין ה"ה: דר. טארבעטשקא, פראפ. בראנדלעוויטש, יעקב קראמאלאווסקי און מ. כראפארט, וועלכע האבען ארומגערעדט די אויפגאבען פון קאמבאטאנטען-פעראיין.

אויפ'ן ארט האבען זיך אלס מיטגלידער פערשריבען 85 פערזאן, וועלכע האבען גלייך אויסגעוועהלט א פערוואלטונג אין די פערזאנען: מ. שפערלינג — פרעזעס, וויצע-פרעזעס — דער געוועזענער פרייווילינער מ. פרענק, סעקרעטאר — א. שפערלינג; פערוואלטונגס-מיטגלידער: ח. מארקאוויטש, א. זאקס, ישעי' לעווקאוויטש. אויך איז געווארען אויסגעוועהלט א קאמ נדע, וועלכע בעשטעהט פון קאמענדאנט פלוטאנאווי א. שמולעוויטש, וועלכער בעזיצט צווישען אנדערע א העלדישקייטס אויסצייכנונג פון יאהר 1920, אלס וויצע קאמענדאנטען: קאפראל מ. ווייספעלנער און יעקב ווייספעלנער.

צום סוף האבען די פערזאמעלטע אויסגעדריקט א דאנק די טשענסטאכאווער געסט פאר דער מיטהילף ביי דער גרינדונג פון דער אבטיילונג פון קאמבאטאנטען-פעראיין.

צום קאאפעראטיווען טאג 1936

די קאאפעראטיווע בעוועגונג אויף דער גאנצער וועלט פייערט יעדעס יאהר דעם אינטערנאציאנאלען יום-טוב, דעם קאאפעראטיווען טאג.

אין דעם דאזיגען טאג מארשירען צעהנדליגער מיליאנען מענשען אהן אונטערשיד פון נאציע און ראסע אונטער דער רעגענבויגען-פאהן, וואס איז דער סימבאל פון ברידערליכקייט און סאלידאריטעט, אין דעם דאזיגען טאג קומט צום אויסדרוק דער פעסטער ווילען צו שטיצען דעם וועלט סדר אויף יסודות פון פרידען און יושר.

מיט שווערע כמארעס איז בעדעקט איצט דער הימעל. נאך זענען נישט אויסגעהיילט געווארען די וואונדען פון דער לעצטער מלחמה און עס האט זיך שוין אנגעהויבען א נייער בעוואפנונגס געיעג, שוין פרובען בייזע גייסטער אריינצוציהען די מענשהייט אין א נייער וועלט-שחיטה.

דערווירטשאפטליכער וועלט-קריזיס, וואס דויערט שוין 7 יאהר, איז אין פאריגען יאהר אין איניגע לענדער עטוואס שוואכער געווארען, אבער די גרויזאמע ערשיינונג פון ארבייטסלאזיגקייט און פרנסה'לאזיגקייט איז נישט פערשווינדען. די מענשהייט קומט אלץ מעהר צום בעוואוסטזיין, אז די ארבייטסלאזיגקייט פון מיליאנען מענשען איז א פועל-יוצא פון די אומגעזונטע פערהעלטנישען אין איצטיקען עקאנאמישען לעבען און עס ווערען געמאכט פערשידענע פרובען צו געבען בעשעפטיגונג און חיונה די מיליאנען הונגעריגע און ארבייטסלאזע.

אין אזעלכע פערהעלטנישען קומט אויס היי-יאהר זונטאג, דעם 7 יוני, צו פייערען אין פוילען דעם אונטערנאציאנאלען קאאפעראטיווען טאג.

פאר דעם יודישען קיבוץ פאלט אויס די פייערונג אין א אויסערסט שווערער און ביטערער צייט. ווידער בושעווען כוואליעס פון ווילדען אנטיסעמיטיזם, אנשטאט צו טראכטען און צו ארבייטען פאר דער פערבעסערונג און פערשענערונג פון אונזער לעבען, מוזען מיר ווידער פערטיידיגען אונזערע עלעמענטארע רעכט אלס מענשען און בירגער.

מיר שטעהען פאר א געפאהר, אז די יודישע מאסען וועלען אריינפאלען אין דערשלאגענקייט און יאוש. מיט דער פולער איבערצייגונג טרעטען מיר ארויס געגען אזעלכע שטימונגען אין אונזערע רייהען. דאס יודישע פאלק האט אין זיין לאנגיעהריגער מערטירער-געשיכטע דורכגעמאכט שווערע צייטען און איז נישט אונטערגעגאנגען. אויך די שווערע נסיונות פון די לעצטע חדשים טארען ביי אונז נישט אויסלעשען דעם גלויבען אין א בעסערער צוקונפט. זיי דארפען אונז פערהארטעווען צום ווייטערדיגען קאמף פאר אונזער קיום.

די היינטיגע צייט פון ווירטשאפטליכען אומרוה שטעלט אפט מאל מענשען פאר אויפגאבען, וועלכע דער יחיד איז נישט אימשטאנד צו לעזען. אין דער היינטיגער צייט מוזען מענשען זיין פעסטער ארגאניזירט, כדי מיט געמיינזאמע כחות בייצוקומען די שוועריגקייטען פון ווירטשאפטליכען לעבען, כדי זיך צוצופאסען צו די ניי-געשאפענע פערהעלטנישען. און די בעסטע פארם פון ווירטשאפטליכער ארגאניזאציע איז קאאפעראציע, וואס שטיצט זיך אויף זעלבסטטעטיגקייט און זעלבסטהילף פון די ברייטע מאסען.

ביי אונז יודען אין פוילען, איז קאאפעראציע נאך א יונגע בעוועגונג. זי נעמט פארלויפיג ארום הויפטזעכליך איין געביעט — דאס קרעדיט-וועזען. דעריבער דארף די היי-יעהריגע פייערונג אויסגענוצט ווערען דורך אלע יודישע קאאפעראטיווע טהוער פאר א ברייטער אקציע צו פעראינטערעסירען און אריינצוציהען די גאנצע יודישע געזעלשאפט אין דער קאאפעראטיווער בעוועגונג.

אלע אויפ'ן קאאפעראטיווען פראנט! דאס דארף זיין די לאזונג פון היי-יעהריגען קאאפעראטיווען טאג אויף דער יודישער גאס.

זאל דער קאאפעראטיווער טאג זיין פאר אונז א טאג פון אויפמונטערונג, זאל ער אונז דערמאגען אז מיר האבען נאך א סך אויפצוטהון פאר דער פערשפרייטונג און פערפעסטיגונג פון די יודישע קאאפעראטיווע אינסטיטוציעס. זאלען די יודישע ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס אנהויבען אנ'אינטענסיווע טעטיגקייט פאר שאפען נייע פארמען פון קאאפעראטיווער ווירטשאפט. זאל די קאאפעראציע ארומנעמען אלע געביעטען פון אונזער ווירטשאפטליכע טעטיגקייט.

איג'ם טאג פון קאאפעראטיווען יום טוב רופען מיר די יודישע מאסען זיך צו זאמלען אונטער דער קאאפעראטיווער פאהן. די קאאפעראטיווע טהוער רופען מיר צו מוט און אויסדויער, די יודישע געזעלשאפט רופען מיר אבצוגעבען איהרע בעסטע קרעפטען פאר דער ווייטערדיגער פונאנדערבויאונג פון דער יודישער קאאפעראציע. מיר רופען אלעמען צו אנגעשטרענגטער און איבערגעגעבענער קאאפעראטיווער טעטיגקייט מיט'ן אומדערשיטערליכען גלויבען אין א בעסערען מארגען.

פערבאנד פון די יודישע קאאפעראטיווען אין פוילען.

ר' פנחס קאפלאן נ"ע

אין עלטער פון 55 יאהר איז היינטיגע וואך פלוצלינג נפטר געווארען דער אנגעזעהענער היגער איינוואויגער און לאנגיעהריגער תושב ר' פנחס קאפלאן ז"ל.

דינסטאג 3 נ"מ איז פארגעקומען די לוי' אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט איניגע טויזענד מענשען. דעם נפטר האט מען אריינגענומען אין הויף פון „מחזיקי הדת", וואו ס'האט איהם מספיד געוועזען דער היגער מו"צ ר' יוסף פראקאש. אויפ'ן בית עולם האבען מספיד געוועזען דער מו"צ ר' נחמן, ר' משה האלטער און ביים אפענעם קבר האט געהאלטען א ריהרענדען הספד דער עלטסטער זוהן פון היגען רב זצ"ל ר' שמואל יוסף אש, וועלכער האט זיך אבגעשטעלט אויף די מעלות פון נפטר, וואס איז געוועזען פון די נאהנטסטע פריינד פון היגען רב זצ"ל.

דער נפטר איז געוועזען זעהר בעליעבט צווישען זיינע בעקאנטע און האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע מדות און אנשטענדיגקייט, ער איז געוועזען א ברודער פון אנגעזעהענעם היגען כלל-טהוער און לאנגיעהריגען דאזאר ר' יצחק קאפלאן ז"ל.

זיצונג פון דיסקוסיאנס-קלוב.

מאנטאג, דעם 8-טען ד.ח. אין לאקאל פון דער געזעלשאפט פון פראנקרייכ'ס פריינד וועט פארקומען די זיצונג פונ'ם דיסקוסיאנס-קלוב, וועלכע וועט זיין געווידמעט דער רעגולאציע און פונאנדערבוי פון דער שטאדט.

א לענגערען רעפעראט וועט האלטען ארכיטעקט וויעטשארעק.

Szkoła Koedukacyjna im. Zofji Wajnsztokówny
w Częstochowie, Aleja 20, Telef. 10-78
przyjmuje zapisy do wszystkich 7 klas oraz do PRZEDSZKOLA (dzieci od lat 3-ch). Egzaminy systemem lekcyjnym. Judaistyka w szerokim zakresie. Dla niezamożnych ulgi.
Przyjmuje się zapisy na KOLONJE LETNIE.

צוגענומען די ארבייט-מכשירים.

מאריא וואזשעשניעווסקא (פילסודסקי גאס 17) האט געמאלדען דער פאליציי, אז וולאדיסלאוו שעווטשיק פונ'ם זעלבען הויז האט צוגענומען איהרע שלייף-מכשירים אין דער ווערט פון 1000 זל.

פלוצים גע'חלש'ט.

אין דער אלעע איז פלוצים שוואך געווארען און גע'חלש'ט דער 61-יעהריגער יאן בארטאשעווסקי פון אפאטשנא, וועלכער איז איבערגעפיהרט געווארען אויף קוראציע אין שפיטאל אריין אויף וואשינגטאנא גאס.

קאמוניקאט פון י.ט.ס.פ. „מכבי".

אין צוזאמענהאנג מיט'ן יום-טוב פון פיזישער ערציהונג, וועלכע קומט פאר דעם 6 און 7 ד. ח. פאדערט אויף די פערוואלטונג פון „מכבי" אלע מיטגלידער צו קומען שבת 11 א זייגער פריה אויפ'ן אייגענעם ספארט-פלאץ. אינפאל פון א נישט-גינסטיג וועטער אין לאקאל אריין, וואו עס וועלען פארקומען ספעציעלע איבונגען.

זונטאג, דעם 7-טען ד.ח. מוזען אלע מיטגלידער אונבעדינגט קומען אין לאקאל פון „מכבי" 1 א זייגער מיטנעמענדיג גימנאסטישע פאנטאפעל. פאר נישט קומען ווערט פארגעזעהען דערווייטערט צו ווערען פון קלוב.

בעסטיאַלישער מוטער-מערדער פאַר'ן קרייז-געריכט

אונברחמנות'דיגער זוהן פער'משפט אויף 12 יאהר תפיסה

דאס קרייז-געריכט אונטער'ן פאָרזיץ פון ריכטער מילער האט בעטראכט דעם פּראָצעס פון 57 יעהריגען קאַראָל דאָמין, וועלכער איז געוואָרען אנגעקלאגט, אז א רייה יאהרען האט ער אונברחמנות'דיג געפּייניגט זיין 83 יעהריגע מוטער ביז ענדליך דעם 4 דעצעמבער פ. י. האט ער איהר צושפּאָלטען דעם קאָפּ און צובראָכען 7 ריפּען. צוויי טעג שפּעטער איז די אומגליקליכע געשטאָרבען.

די איינצעלהייטען פון מאָרד זענען פאָלגענדע: די 83-יעהריגע זקנה איז צוליב איהר טיפען עלטער די לעצטע יאָהרען נישט געווען פעהיג צו קיין שום אַרבייט און זי איז דעריבער געבליבען אויף די פּלייצעס פון איהר פערמעגליכען זוהן קאַראָל.

דער זוהן האט דערפאר געפיהלט א שטאַרקען האָס – נישט געוואלט איהר געבען צו עסען און כסדר ארויסגערופען אַוואַנטורעס. נאכ'ן ביישפּיל פון זייער פאָטער, האבען אויך זיינע קינדער: די 25-יעהריגע העלענא, 17-יעהריגען סטאַניסלאוו און 15-יעהריגער יאן אָבגעטהון כל-ערליי צרות זייער אלטער באָבע.

די שכנים האבען אויף דער דאָזיגער אונמענשליכער האנדלונג פון א זוהן געגען זיין אייגענער מוטער אָפט געפּרובט רעאַגירען, אבער דאָמין האט צוליב דעם נאך מעהר זיך נוֹקם געווען אויף זיין מוטער, נישט געבענדיג איהר אָפּט צו עסען, צוגעבינדען זי מיט א שטריק צו א בוים און בעפוילען איהר צו שלאָפען ביז שפּעט אין הערבסט אריין אין א שייער.

דעם 4 דעצעמבער פ. י. האט שוין קאראל דאָמין בעשלאָסען פטור צו ווערען פון זיין מוטער און אהיימקומענדיג האט ער זי געכאַפּט פאַר'ן האַלז, גענומען שטיקען און מיט איהר קאָפּ געקלאַפּט אין דער וואַנד אריין. ווען דער אונברחמנות'דיגער זוהן האט, כדי אָנצושעפען פרישע כחות אבגעלאזט אויף א רגע די אַלטיטשקע, האט זי זיך צוגעשאַרט צום בעט, אבער דער צווויל-דעוועטער מערדער האט זיך דערנאך נאכאמאל געוואָרפען אויף זיין מוטער, ארויסגעוואָרפען זי פון בעט אויף דער ערד און ווייטער געשלאגען און געטרעטען מיט די פיס, פון וואס די זקנה האט בעקומען א מח ערשיטערונג.

צו דער פּוֹוי איז נאכמיטאג ארויסגערופען געוואָרען דער גלח, זי איז אבער שוין געווען בעוואוסטלאָז און אין אזאַ צושטאַנד מיט צוויי טעג שפּעטער געשטאָרבען אין שרעקליכע יסורים.

דער כּויט פון דער אַלטיטשקער האט געפונען א ברייטען אָבקלאַנג אין ראַרף ציקאָזשעוו, וואו די גאַנצע פּאָסירונג האט זיך אָבגעשפּילט און איז געוואָרען פערשידענאַרטיג קאָמענטירט. צווייפלענדיג אינ'ם נאַטירליכען טויט פון זיין מוטער האט דאָמינ'ס ברודער, סטעפאן געמאָלדען וועגען דעם דער פּאָליציי. ס'איז מאָמענטאַל אדורכגעפיהרט געוואָרען א סעקציע, וועלכע האט פעסטגעשטעלט פיעל וואונדען און צובראָכענע ריפּען. דער מערדער פון זיין אייגענער מוטער איז דעריבער געוואָרען ארעסטירט און צוזאמען מיט זיינע קינדער: סטאַניסלאוו, יאן און העלענאַ געוואָרען גע'משפט דורכ'ן קרייז-געריכט.

די סיבה פונ'ם דאָזיגען בעסטיאַלישען מאָרד איז פּשוט אונגלויבליך און דעריבער האט די אויספאָרשונגס-מאַכט בעשלאָסען דאָמינ'ען איבערצוגעבען אויף א פסיכיאַטרישע אונטערזוכונג, וועלכע האט אבער פעסטגעשטעלט, אַז ער איז פּוֹלשטענדיג געזונד.

פּראָקוּראָר יאָזשעמבינסקי האט דעריבער נישט געפונען קיין שום מילדערענדע אומשטענדען און אין זיין שטאַרקער רעדע פערלאַנגט די האַרבסטע שטראָף פאר'ן הויפּט-אָנגעקלאָגטען ווי אויך פאר זיינע קינדער פאר'ן נישט-עטישען בעהאנדלען זייער אַלטיטשקע באָבע.

דער אנגעקלאגטער דאָמין האט סיי בעת דער אויספאָרשונג, סיי בעת דער געריכטס-פערהאַנדלונג זיך נישט מודה געווען צו קיין שולד, ערקלערענדיג, אַז זיין מוטער איז דעם קריטישען טאָג אראָבגעפאַלען פון א לייטער, בשעת זי האט געפּרובט אַרויפצוקלעטערן אויפ'ן בוידעם און דערפון געהאַט די וואונדען.

נאכ'ן אויסהערען א רייה עדות האט דאס געריכט אַרויסגעטראָגען דעם אורטייל, לויט וועלכען קאראל דאָמין איז פאר'ן בעגאנגענעם פערברעכען דעם 4 דעצעמבער געוואָרען פער'משפט אויף 12 יאָהר תפיסה און פאר'ן מאַלטרעטירען במשך פון עטליכע יאהר זיין מוטער – אויף 5 יאָהר און אַלס געמיינזאַמע שטראָף – 12 יאָהר תפיסה. די קינדער דאָגעגען זענען געוואָרען פּוֹלשטענדיג פריי געשפּראָכען.

כאַראַקטעריסטיש, אז בשעת דער געריכטס פערהאַנדלונג און עדות ערקלערונגען, ווען ס'זענען אריפגעשוואומען אלע איינצעלהייטען פונ'ם טראַגישען מאָרד, האט דער אנגעקלאַגטער נישט אַרויסגעוויזען די מינדעסטע חרטה-געפיהלען.

אַנ'ערהאַבענע פייערליכקייט

די פערווירקליכונג פון פּלאַן צו בויען אַנ'אייגען הויז פאַר'ן יודישען גימנאַזיום דערנעהנטערט זיך וואס מעהר צום ציעל. ווי מיר ווערען געוואויר זאָל אין נעכסטען חודש פאָרקומען די פייערליכקייט פון לעגען דעם גרונד-שטיין פון בנין, וואס וועט בעדייטען אַנ'אונגעהויער גרויסען יום-טוב פאַר דעם טשענסטאכאווער יודענטום.

דער פּראָיעקט פון בוי איז שוין בעשלאָסען אין אלע איינצעלהייטען. אין נייעם בנין זאָל זיך געפונען די פּאָווזשעכנע שולע ביים יודישען גימנאָזיום, דאס גימנאזיום גופא ווי אויך א ליצעאום.

דער פּלאַן זעהט אויך פאָר די מאָדערנסטע איינריכטונגען פאַר וויסענשאַפטליכע קאַבינעטען, לאַבאָראַטאָריעס, וואַרשטאַטען פאַר האַנדאַרבייט א. א. וו.

טעאָריע און פּראַקטיק.

עס זענען פערהאַן נעוויסע אמת'ן מיט וועלכע מיר זענען אלע מסכים און אלע פערשטעהען, אָפט חזר'ן מיר עס איבער, און דאָך פּאַסען מיר עס נישט שטענדיג אין לעבען. מיר ווייסען דאָך גוט, אז קיין זאַך ווערט פון זיך אליין נישט געמאכט. כּדי עפּעס צו דערגרייכען מוזען מיר זיך וועגען דעם בעמיהען און מוזען אויף דעם ארבייטען. אָבער צי טהוען מיר טאַקע באמת אזוי?

אָפּט הערט מען, אז איינער קרעכצט און זאגט „ווען מען געווינט אויף דער לאָטעריע"! אָבער צו דער, וועלכער זאגט אזוי, האט ווירקליך א לאָס אין קעשענע?

אינטערעסאנט אויף דער טעמא זאגט זיך ארויס איינער פון די גליקליכע בעזיצערס פון א פערטעל לאָס, אויף וועלכען עס איז אין דער פוירינער ציהונג פון דער 4-טער קלאַס איינע פון די גרויסע געווינסען געפאַלען.

אָט דער מענש האט טאַקע געהאט א געוואוינהייט אָפּט צו זיפצען און זאגען: „ווען מען געווינט זיך אויף דער לאָטעריע" ביז ער האט זיך אליין צולאַכט פון זיך: „ווי קען איך געווינען ווען איך שפּיעל נישט"? און ערשט אין דעם מאָמענט האט ער פערשטאנען, אז בכדי צו געווינען, דאַרף מען שפּילען.

פון דאַן אָן האט ער געשפּיעלט: די פאַרטונע האט איהם בעגליקט.

זאָלען פון דער געשעהעניש זיך אָבלערנען די, וועלכע זיפצען צו דער לאָטעריע, אָבער אָהן א לאָס אין קעשענע; זאָלען זיי נישט פערגעסען אויך, אז די ציהונג פון דער ערשטער קלאַס הויבט זיך אָן דעם 18 טען ה. מ.

נדבות פאַר „תומכי עניים"

אהנע נאמען צוליב א ברית מילה 40 קילאָ ברויט.

מאיר סטאָיסקי צוליב דער בר מצוה פון זייער זוהן 20 קילאָ ברויט.

לייביל טשענסטאכאווסקי צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער 12 קילאָ ברויט.

יהושיע לענקינסקי צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער 10 קילאָ ברויט.

ב. באָטשאָן ביי מזכיר נשמות 10 קילאָ ברויט.

מ. טענדלער צו דער יאהרצייט פון זיין פאָטער 4 קילאָ ברויט.

פסח שלעזינגער 10 קילאָ ברויט.

מענדעל ליבערמאן 5 קילאָ ברויט.

שטאַרקע טעטיגקייט פון דער שקל-אַקציע.

אין שייכות מיט דער היי-יעהריגער שקל אקציע, האט אין טשענסטאָכאָוו די וואָך געווייַלט דער שליח פון דער יודישער אַגענץ הר'ב ווייס פון ירושלים, וועלכער האט דינסטאג אָוועגד געהאַלטען א רעפעראַט אין דער שטאָדט שוהל א.ד.ט. „די לעצטע געשעהענישען אין א"י ישראל און די אויפגאבען פון יודישען פאָלק".

ביי א פּוֹל-געפּאַקטער שוהל האט דער חשוב'ער רעדנער ארויסגעזאָגט די מיינונגען און שטימונגען פון יודישען ישוב אין ארץ ישראל און געקומען צום אויספיהר, אַז נאך קיינמאָל נישט ביז איצט איז דאס אויסקויפען דעם שקל געווען פון אזאַ וויכטיגקייט ווי דאס איז היי-יאָהר, וואו די יודישע אַגענץ מוז ביי דער יעצטיגער קריטישער לאַגע האבען הינטער זיך דאס יודישע פאָלק, אין וועמענס נאָמען זי זאָל קענען רעדען, פאָדערן און רעפּרעזענטירען. דעריבער איז דער הייליגער חוב פון יעדען אויסצוקויפען די ציוניסטישע בירגער-לעגיטימאַציע – דעם היי-יעהריגען שקל.

ראַנקזאַגונג.

די אַלע. וועלכע האבען אַנטייל גענומען אין בלימעל-פערקויף דעם 22-טען מאַי ד. י. איבערהויפּט די פרויען-אָבטיילונג דריקט אויס א דאַנק

די פערוואַלטונג פון דער גמילת-חסד-קאַסע אָגראָדאָווע 6

הכנסה איז געווען 156 זל.

ווילען! פערזוימט נישט דאס גליק! די צייט איז קורץ! שוין דעם 18 יוני הויבט זיך אָן די ציהונג פון דער 1-טער קלאַס! קויפט לאָסען נאָר אין דער גליקליכע קאָלעקטור

א. אַרענדאַרטשיק, ווילען פּל. לעגיאָנוב 12

וואו ס'זענען געפאלען ביי דער יעצטיגער ציהונג די גרויסע געווינסען פון

10.000 זל. און 5.000 זל. אויסער אַנדערע געווינסען

Szkoła Rzemieślniczo-Przemysłowa

dla Żydów

w Częstochowie, Garncarska № 8.

podaje do wiadomości, że zapisy rozpoczęły się z dniem 15-go maja r. b. Ilość miejsc ściśle ograniczona.

ALEJA 2 TEL. 1913

Losy 1 klasy 36 loterji już do nabycia.

רעסטויראַציע

מיכאַל הערץ, ב. יאָסעלעוויטשאַ 1.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט די ח' קליענטעלע, אַז מיין רעסטויראַציע איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויף **ב. יאָסעלעוויטשאַ 1,** וועלכע איז פערזעהן מיט א גרויסען אויס-וואהל פון קאַלטע און הייסע פערבייסענס, בראָנפען, ליקערן א.א.

ס'ווערען ארויסגעגעבען יעדען טאָג פון 1 אַ זייגער שמאַקהאַפטע

מיטאָגען פון 80 גר. אָן

אַלע טאָג פרישע גענז און פיש!

ערשטקלאַסיגער פּענסיאָנאַט

„Pod Wypoczynkiem"

מיט אַ שטרענג כשר'ער וואַרשאָווער קוך

אין בלאַכאָווניע (אָסטראָוו)

איז שוין געעפענט **אין בערלינערבלוי'ס ווילע**

שעהנע צימערן מיט גענצליכע אויסהאַלטונג. – – – צוגענגליכע פרייזען.

Kino „STYLOWY", Aleja 27.

ערשטער פּוילישער פילם אין דער **יודישער שפּראַך!**

על חטא

פילם, וועלכער האָט ענטציקט וואַרשא!

די האַנדלונג שפּילט זיך אָב בשעת דער וועלט-מלחמה.

אין די הויפּט-ראָלען: א. מאָרעווסקי, קורט קאַטש, רחל האָלצער, ח. בוזגאַן, רות טורקאָוו, קלאַרא סעגאַלאָוויטש און אין דער שפּיץ דער יודישער פּליפּ און פּלאָפּ – דזשיגאַן און שומאַכער.

דעם דאָזיגען פילם דאַרף זעהען יעדער יוד!

בעגרעניצטע צאָהל פאָרשטעלונגען. :–: צוליב די קאָלאָסאַלע קאָסטען פונ'ם בילד – בילעטען פון 80 גראָשען. :–: קיין מיטאָג-סעאַנסען וועט נישט זיין.

Szczepienie ochronne przeciwko ospie świeżą krowianką codziennie

Starszy felczer

ST. MITTLER

Piłsudskiego 7

tel. 18-04.

ZARZĄD i KIEROWNICTWO

Szkoły Zawodowej Dokształcającej Żeńskiej dla terminatorek

Związku Rzem.-Żydów w Częstochowie

zawiadamia, iż zapisy na nowy rok szkolny odbędą się b. m od dn. 8-go do 10-go i od 15-go do 18-go włączniee w kancelarji szkoły przy ul. Przemysłowej 10 w godz. 18–20.

Przy zapisie należy przedłożyć: świadectwo szkolne szkoły powszechnej i metrykę urodzenia.

KINO „EDEN".

נייער מאָנומענטאַלער היי-יעהריגער פּוילישער פילם!

Bohaterowie Sybiru

אין די הויפּט-ראָלען:

אַנקוויטש, באָדאָ, סטעמפּאָווסקי, בראָדזיש א.א.

Kino „LUNA"

Zaczęło się od pocałunku

אין דער הויפּט-ראָל:

זשאַן קראָופאָרד

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין וואַרשא מיט לאַנג-יעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן,
2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
3) כעמיש ריינינגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן,
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6